№ 17 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Bibljot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

טשענסטאכאווער צייטונג

Wtorek, d. 23 kwietnia 1935

דינסטאג, שביעי של פסח תרצ"ה.

IX Walne Zgromadzenie Banku Spółdz. Przemysłowców i Kupców z ogr. odpow. odbędzie się w niedzielę 28 kwietnia o godz. 16-ej w lokalu Stow. Przem. i Kupców, Aleja Wolności 3-5

PORZĄDEK OBRAD: 1) Zagajenie Zgromadzenia i wybór przewodniczącego. 2) Odczytanie protokułu poprzedniego Walnego Zgromadzenia. 3) a) Sprawozdanie Zarządu za 1934 rok, b) Odczytanie bilansu i rachunku strat i zysków za 1934 rok. 4) Przyjęcie bilansu i udzielenie absolutorjum Zarządowi i Radzie Nadzorczej. 5) Podział zysków za 1934 rok. 6) Budżet na rok 1935. 7) Zmiana par. 3 Statutu Banku. 8) Uchwalenie najwyższej sumy zobowiązań, jakie Spółdzielnia może zaciągnąć. 9) Oznaczenie granic najwyższego kredytu, jaki może być udzielony jednemu członkowi. 10) Wybory: a) 1-go członka Zarządu i 3-ch zastępców zamiast ustępujących, b) 3-ch członków Rady Nadzorczej i 3-ch zastępców zamiast ustępujących. Ustępują: z Zarządu p. Joachim Weksler, z Rady Nadzorczej pp. Zygmunt Stiller, Anszel Warszawski i Jakób Lewit.

UWAGA: Członkowie ustępujący mogą być wybrani ponownie.

די 9-טע יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער קאָאָפּ. סוחרים און פאַבריקאַנטען-באַנק מיט בעגר. פעור. קומט פאָר זונטאָג, ד. 28-טען אַפּריל 4 נאָכמיטאָג אין לאָקאַל פון סוחרים און פאַבריקאַנטען-פעראיין אַלעע וואָל. נאָשטשי 3—5

טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג און וואַהלען פון א פּרעזידענט. 2) פאָרלעזען דעם פּראָטאָקאָל פון דער פאָריגער אַלגעמיינער פערזאַמלונג. 3) א. בעריכט פון דער פערוואַלטונג פאַר'ן יאָהר 1934. ב. פאָרלעזען דעם בילאַנס און רעכנונג פון היזקות און ריוח פאַר'ן יאָהר 1934. 4) אָננעמען דעם בודזשעט און ערטיילען אַבסאָלוטאָריום דער פערוואַלטונג און אויפזיכטס-ראַט. 5) צוטיילען דעם ריוח פאַר'ן יאָהר 1934. 6) בודזשעט פאַר'ן יאָהר 1935. 7) ענדערען דעם § 3 פון סטאַטוט פון דער באַנק. 8) בעשטימען די העכסטע פערפליכטונגס-סומע, וועלכע די באַנק קען אויף זיך נעמען. 9) בעשטימען די גרעניץ פון דעם העכסטען קרעדיט פאַר א מיטגליד. 10) וואַהלען: א. פון 1 פערוואַלטונגס-מיטגליד און 3 פערטרעטער אנשטאָט די אַבטרעטענדע, ב. 3 מיטגלידער פון אויפזיכטס-ראַט און 3 פערטרעטער אנשטאָט די אַבטרעטענדע. עס טרעטען ארויס פון דער פערוואַלטונג ה' חיים וועקסלער, פון אויפזיכטס-ראַט: זיגמונד שטילער, אנשעל וואַרשאַווסקי און יעקב לעוויט.

בעמערקונג: אַבטרעטענדע מיטגלידער קאָנען אויפסניי ווערען געוועהלט.

Dr. med. Juljan Lipiński

przyjmuje obecnie od 9—11 przed poł. i od 3—6 po poł.

ul. N. Panny Marji 24

Telefon 24-97.

KAPELUSZE

ANDRÉ

NAJMODNIEJSZE

NAJELEGANTSZE

NAJLEPSZE

NAJTAŃSZE

do nabycia:

II Aleja 33

ul. B. Joselewicza 14.

דער בעוואוסטער שניידער-ווערקשטאַט

פון דאַמען-און מענער-בעקליידונג

ל. יאַושאַמבעק

האָט זיך איבערגעצויגען אויף

ב. יאָסעלעוויטשאַ 15

און עמפּפעהלט זיך דער געעהרטער קונדשאַפט.

מיר נעמען אנטייל אין צער צוליעב'ן אומגליק, וואָס עס האָט געטראָפען דעם ה' ב. באַטשאַן און פרוי מיט'ן טויט פון זייער היים-געליעבטער און אונפערגעסליכער

טאָכטער נ"ע

דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

גדל ראָזען און פאַמיליע

ברזעזניצא.

אונזער חבר **מאַניעק טייכנער** און **משפחה** דריקען מיר אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל צוליעב'ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען פאָטער און מאַן

נ"ע אייזיק לייב

ישראל קוטנער און **י. פישער.**

מיר נעמען אנטייל אין צער פון אונזער פריינד ה' **גרשון מונאָוויטש** און **פרוי** צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער טעכטערל

נ"ע איידעלע

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

משה ביבערמאַן און **פרוי.**

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון אונזערע פריינד **גרשון מונאָוויטש** און **פרוי** צוליעב'ן טויט פון זייער טעכטערל

נ"ע איידעלע

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

יוסף איזרייעלאָוויטש און **פרוי.**

דער אינטערנאַציאָנאַלער פוטער-יריד

אין ווילנע

וועט פאָרקומען פון 12 ביז'ן 27 יוני 1935 י.

דער יריד וועט טראָגען אַ ריינעם האַנדעלס-כאַראַקטער.

ס'איז געזיכערט דער אנטייל פון אַלע גרעסערע אינלענדישע פירמעס און עקספּאָרטערען.

אַלע אינדוסטריעלער, סוחרים און קירזנער וועלען האָבען די מעגליכקייט צו בעזאָרגען זיך מיט אַלערהאַנט פוטער-פעל רויהע און אויסגעאַרבייטע, אינלענדישע און אויסלענדישע אויף דעם אנקומענדען סעזאָן.

Dyrekcja Międzynarodowych Targów Futrzańskich

Wilno, Ogród po-Bernardyński.

צו דער אויפמערקזאַמקייט פון קאָלאָניאַל-סוחרים, ראַטע-פערקויפער פון טשענסטאָכאָוו און אומגעגענד

די פירמע **WARSCHAUER**

האָט געעפענט **אַ פראָנט-געוועלב אויף קאַטעדראַלנע 3-5**

פון **טהעע, קאַווע** און **קאַקאָאָ**

צו בעקומען אין פאַקונג פון 1 דעקאָ ביז 40 קילאָ אין קעסטלעך.

קאַקאָאָ פון פערשיעדענע פירמען.

הורט. צוגענגליכע פּרייזען. דעטייל.

אויך איז צו בעקומען **טהעע כשר לפסח.**

אכטונג! אכטונג!

די ביליגסטע הורט און דעטייל-איינקויפס-קוועלע פאַר טשענסטאָכאָוו און דער פּראָווינץ

פון **פאַקאָסט, פאַרבען און לאַקירען**

פון ערשטקלאַסיגע פירמעס

שעלאַק, בראָנז, פּענזעל א. ז. וו.

איז נאָר אין דער פירמע, וועלכע עקזיסטירט זייט 1900 י.

B. HOFFMAN,

Częstochowa, Stary Rynek 4

TELEFON 21-31.

אכטונג! אכטונג!

אַנשאַפונגען אויף אַלע שטעדט פון סאָוו.-רוסלאַנד אויף „טאָרגסין" נעמט אָן:

Bank Gospodarst. Krajowego, Bank PKO. און אַבטייל. (פ.ק.א. ביי אַלע פּאָסט-אַמטען קאָנטע 22.000) Pow. Bank Kredytowy SA., Bank Zachodni S.A., Tow. „Hias", Pow Bank Związkowy Bank Handlowy. Bank Związku Spółek Zarobkowych, D| T. Bunimowicz, Wilno Oddział Banku Drezdeńsk. w Gdańsku, ווי אויך די פירמעס Biuro Posyłek און B-cia Pakulscy

חערט = בריעף נעמען אָן אַלע פּאָסט-אַמטען. אַ בעדייטענדע פּרייזען-הנחה אויף די אימפּאָרט-און עקספּאָרט-סחורות פון „טאָרגסין".

אינפאָרמאַציעס ערטיילען אַלע דערמאָנטע אינסטיטוציעס און:

Przed. Handl. Z.S.R.R. w Polsce, Warszawa Koszykowa 4. tel. 9-58-83

אונזער פריינד און שותף ה' **גרשון מונאָוויטש** און **פרוי** צוליעב'ן טויט פון זייער ליעב טעכטערל

נ"ע איידעלע

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

הירשל ליפשיץ און **פרוי.**

רחל מינדיטש פנחס קראַקאָווסקי

תנאים געשריבען

טשענסטאָכאָוו אין אַפּריל 1935 י. קאַטאָוויץ

צו די תנאים פון פרל. **רחל מינדיטש** מיט ה' **פנחס קראַקאָווסקי**

ווינשען מזל-טוב

שמעון באַטשאַן און פרוי.

פאַקאָסט, פאַרבען, לאַקיר, שעלאַק, צעמענט, גיפּס און כעמיקאַליען.

הורט - רעטייל.

J. HOFFMAN, Częstochowa

I-sza Aleja 2. Tel. 14-27.

שפּאָרזאַם און פּראַקטיש

איז נאָר צו קויפען אין דער פירמע

ל. לעדערמאַן, אַלעע 7

וואו ס'איז צו בעקומען צום קומענדען סעזאָן אַ גרויסער אויסוואַהל פון אַלערהאַנט

מאַנופאַקטור=סחורות

נידריגע אָבער פעסטע פּרייזען.

געדענקט די אדרעס **ל. לעדערמאַן, אַלעע 7 №**

אַ ספּעציעלע ביליגע גאַרדינען וואָך.

הורט—רעטייל

נ"ע אייזיק לייב טייכנער

הויז=אייגענטימער און סוחר

איז געשטאָרבען נאָך קורצע ליידען אין עלטער פון 59 יאָהר.

די לויה איז פאָרגעקומען דאָנערשטאָג, דעם ערשטען טאָג פסח (ט"ו ניסן תרצ"ה), דעם 18 קוויעטשען 1935.

גלייכצייטיג דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען דאַנק די אַלע, וועלכע האָבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אָבגעגעבען אונזער טייערען מאַן און פאָטער דעם לעצטען כבוד

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

פרוי, זיהן, טאָכטער און פאַמיליע.

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון חבר פאָרזיצער פון דער רעווידיר-קאָמיסיע **אינזש. טייכנער** צוליעב'ן טויט פון זיין פאָטער

נ"ע אייזיק לייב

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

יודענשטאַטס=פּאַרטיי אין טשענסטאָכאָוו.

אונזער מיטגליד ה' **גרשון מונאָוויטש** און **פרוי** צוליעב'ן טויט פון זייער טעכטערל

נ"ע איידעלע

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

די פערוואַלטונג פון לעדער=צעך אין טשענסט.

צי זענען מיר באמת הפקר?

פארוואס מען האט אונז פיינד, פארוואס מען שלאגט אונז — איז שוין פעסטגעשטעלט געווארען און עס איז נישט מעהר קיין סוד. מיר, אלס שוואך, עקסטעריטאריאל פאלק, ווייזען ארויס א געוואלדיגע שטאנדהאפטיגקייט, געדולד און אויסדויער און דער עיקר, וואס מיר, די שוואכע, די גע'רודפ'טע, זענען אויסערגעוועהנליך פעהיג.

אט דאס דאזיגע קאנען די לא-יצלח'ס נישט פערטראגען, נישט פערגינען און דעריבער שלאגען זיי אונז, פערביטערן זיי אונז דאס לעבען. אנדערש איז דאך דאס נישט צו פערשטעהן, אז סך-הכל 17 מיליאן צווישען צוויי מיליארד מענשען זאלען זיין דער אבן נגף פאר דער גאנצער מענשהייט.

וואס מאכען מיר אויס מיט אונזער פערשוואונדענדער מינדערהייט? און אפשר טאקי דערפאר, ווייל מיר זענען קליין און שוואך, פונדעסטוועגען צייכענען מיר זיך אויס אויף אלע געביטען — אפשר דאס און טאקי נאר דאס איז די אורזאך פון אונזערע פיין און צרות.

גישט אלע נישט-יודען זענען דאך אבער שונאי-ישראל; אנטיסעמיטיזם איז דאך א פראגע נאר פון געוויסע פאליטישע פארטייען, וואס נוצען אויס די יודען-פראגע אלס פארטיי-קאפיטאל פאר זייערע אידעען, טא ווי קומט דאס, וואס אט די ערשטע, די יודען-פריינד, נעמען זיך נישט אן פאר אונז.

אויך אין פוילען, מוז מען אנערקענען, איז די יעצטיגע רעגירונג נישט פארטיי-אינטערעסירט, אז מען זאל אונז שלאגען. אדרבה, אין פוילען איז דאך דאס פייניגען יודען דורך די ענדעקעס געצילט אין דער פוילישער רעגירונג, דערמיט ווילען זיי דאך בעווייזען, אז די רעגירונג איז נישט גענוג פעהיג די יודען צו פערטיידיגען. טא פארוואס ווערען מיר אזוי אפט געשלאגען און מיר זענען כמעט ווי הפקר?

מיר ווילען נעמען אלס ביישפיעל אונזער שטאדט טשענסטאכאוו. א גאנץ יאהר טרעפען איינצעלנע פאלען, ווען יודען ווערען בעפאלען דורך ארגאניזירטע כוליגאנישע באנדעס און סרוב מאל געהן די שלעגער אוועק אונבעשטראפט. ווער שמועסט, אז ס'קומט פאר יום טוב, דאמאלס הוליען די דאזיגע כוליגאנעס פריי און פראנק און טהון אלץ, וואס זייער הארץ פערגלוסט זיך נאר.

אט האט מען ערלויבט צו האנדלען דעם זונטאג פאר די חגאות, זענען געקומען די הינטערוועלט-באנדיטען, אנגעפיהרט דורך די ענדעקעס און נישט דערלאזט האנדלען, האקענדיג דערביי יודישע שויבען און יודישע... קעפ. לייד
ער, צו אונזער גרויסען בעדויערן, האבען מיר נישט געזעהן דעם געהעריגען ווידערשטאנד פון דער פאליציי.

מען טרייבט יודען פון די מארקען, דערביי איז מען זיי מכבד מיט קלעפ און קיינער נעמט זיך פאר אונז נישט אן.

שבת אויף דער נאכט האבען יודישע קצבים געוואלט עפענען די יאטקעס, האבען גאסען-כוליגאנעס נישט ערלויבט און דערביי פערוואונדעט עטליכע יודען.

מיר ווערען גענוג געקריוודעט, וואס מיר מוזען האלטען סיי אונזערע ימים-טובים און סיי חגאות. גוטע טרייע בירגער, וועלכע ערפולען אלע התחייבות'ן זענען מיר דאך אוודאי, טא האבען מיר דאך דאס רעכט צו פאדערן, אז מען זאל אבהיטען דאס, וואס די פוילישע קאנסטיטוציע פערזיכערט אונז אלס בירגער.

מעגליך, אז די דאזיגע ווערטער, וואס מיר האבען אויפגעשריבען זענען צו-שארף און קאנען שלעכט אויסגעטייטשט ווערען, אבער אונזער בלוט איז אויך רויט און ווען אפילו מיר זענען יודען, וועלכע זענען צוגעוואוינט צו בעליידיגונגען און ערנידריגונגען, קאן זיך אבער ביי אונז ארויסכאפען א שארף ווארט, בעת מיר געפינען זיך כסדר אונטער א טעראר פון ווילדע כוליגאנעס. און מיט פערביטערונג פרעגען מיר זיך דעריבער:

צי זענען מיר באמת הפקר?

ש.

פון ברית הצה"ר.

מאנטאג דעם 15-טען האט צוריק אנגעהויבען ערשיינען די רעוויזיאניסטישע וואכענשריפט א. נ. „אונזער וועלט" מיט דער שטענדיגער מיטארבייט פון ז. זשאבאטינסקי.

די צייטונג ווערט ארויסגעגעבען דורכ'ן צ. ק. פון ציוניסטיש רעוויזיאניסטישען אוניאן אין פוילען. דער ערשטער נומער ענטהאלט זעהר א רייכען אינהאלט. אין איהם בעטייליגען זיך די גרעסטע רעוויזיאניסטישע פובליציסטען.

א בריעף פון ארץ-ישראל.

זייט 3 וואכען שטעהט א"י אונטער'ן צייכען פון שמחות און הויפטזעכליך די 100% יודישע שטאדט תל-אביב.

פאר 14 טאג האט גאנץ ארץ-ישראל געשטראמט נאך תל אביב צו פורים. מיט יעדען יאהר ווערט דער מאסענשטראם גרעסער און די שטאדט קען גארנישט אזויפיעל מענשען אויפנעהמען; מען בערעכענט דעם היי-יעהריגען מענשען-שטראם ביז א האלבען מיליאן.

עס איז נישט יעצט מיין אויפגאבע צו שרייבען וועגען פורים, ווייל עס איז עבר זמנו. איבערהויפט ווערט יעדעס יאהר דער יודישער קארנאוואל געפייערט אין דעם זעלביגען מאסשטאב, מיט צייטיגע פאליטישע ענדערונגען, עס איז אבער ווערט צו פערצייכענען א פאקט פון דעם היי-יאהריגען קארנאוואל-צוג:

יעדעס יאהר געהט אין שפיץ פון קארנאוואל-צוג א גרופע רייטער פון די פרדסנים פון די קאלאניעס, וועלכע זענען נישט שטארק מקפיד אויף עבודה עברית. אויף א זיצונג פון דער קארנאוואל-קאמיסיע איז אבער היי-יאהר געווארען בעשלאסען, אז מהיום והלאה זאל די גרופע נישט געהן אין דער שפיץ נאר נאכ'ן צוג, ווייל עס איז אונטער דער יודישער ווירדע. מיט איין מאל, ווי אויס רגילות, איז די גרופע ווידער אין דער שפיץ. ערשט ווען דער צוג האט אנגעהויבען ריהרען, האט זיך געפונען אן ענערגישע פרוי, וועלכע האט דעם גאנצען צוג אבגעשטעלט מיט דער פאדערונג, אז די פרדסנים. וועלכע האלטען נישט קיין יודישע ארבייטער, זאלען פערלאזען דעם צוג. די אונטערהאנדלונגען האבען געדויערט איבער א האלבע שעה און די פערדעטער זענען מיט'ן צוג נישט מיטגעגאנגען.

* * *

יעצט איז תל אביב אונטער'ן צייכען פון דער מכביאדע. דאס גאסען-בילד האט אנ'אנדערן אויסזעהן. פון אלע שטעדט און מושובות שטראמען לאסט-אויטאס מיט מענשען, די גאנצע שטאדט איז דעקארירט מיט בלוי-ווייסע פעהנער, פיעל געשעפטען האבען ארויסגעשטעלט ראדיא-הילכער. די מוזיק פערהילכט די שטאדט צוזאמען מיט'ן געזאנג פון די איינרייזענדע, וועלכע זינגען מעהרסטענס ארץ ישראל לידער, וואס זענען פרעהליך, לוסטיג. די געלעגענהייט נוצען אויס די חלוצים און טאנצען אין דער גאס הורא.

די שיינע גייעסטע געשעפטס-רעקלאמען גיבען-צו דער שטאדט א שענערן אויסזעהן, עס נעהמען אנטייל אין דער מכביאדע 42 מדינות. דעם טאג פון דער ערפנונג פון דער מכביאדע איז אין חיפה אויסגעשטיגען 3700 מענשען, מען רעכענט, אז ביז 75 שיפען מיט מענשען זענען אנגעקומען אין פערלויף פון איין וואך, געוועהנליך קומען אן 24—22 שיפען טעגליך נאך פאלעסטינע.

א הערליך בילד האט געגעבען דער ערעפנונגס-טאג, טראץ דעם, וואס דער געפלאנטער צוג איז געווארען דורך דער רעגירונג געשטערט, איז די גאסען-בעוועגונג געוועזען אין לשער, שוין פון 6 אזייגער אין דער פריה האבען זיך געוויזען אין אלע שטאדט-טיילען אבטיילונגען מיט גרעסערע גרופען מארשירענדע מכביאנער, מיט פעהנער און מוזיק, צום זאמעל-פונקט, אין דער געוועזענער תערוכה. שוין א פאר קילאמעטער פאר'ן איינגאנג איז נישט געווען מעגליך אדורכצוגעהן, ווייל טראץ דעם געשטערטען צוג איז דער צוזאמענקונפט געווען דאס אימפאזאנטסטע. עס פלאטערן בלוי-ווייסע פעהנער איינינע קילאמעטער לאנג — אזוי ווייט ווי דאס אויג קען נור דערזעהן, שטעהען אויסגעשטעלט אין רייהען יונגע סאלדאטען אין איינהייטס-קליידער, די „מכביאנער".

טראץ דעם גרויסען מענשען-צופאהר פון אלע לענדער איז די ארדנונג געווען א מוסטערהאפטע, פונקט 3 אזייגער נאכמיטאג איז דער ערשטער מכביאדע טאג געווארען ערעפענט מיט א סימבאל פון ארויסלאזען אין דער לופט א פאר צענדליג טויבען ביי די קלאנגען פון התקוה.

וועגען פערלויף פון די ספארט-אויסגאנגען לאז איך איבער פאר מומחים.

אזוי געפונט זיך די שטאדט שוין זייט 7 טעג אין בעוועגונג פון מכבי, היינט זונטאג, דעם 7|4 איז דער אבמארש נאך חיפה, וואו די שטאדט איז ווידער אין א גרויסע בעוועגונג צו געבען דעם צאתכם לשלום. עס ווערט טרויריג אויפ'ן הארץ, ווען מען דערמאנט זיך, אז א גרויסער טייל פון אונזערע געסט מוזען צוריקפאהרען אין זייערע לענדער, הלואי גישט.

צום שלוס נאך א קוריאז:

שטעהענדיג אויף דער אלענבי גאס הער איך ווי א פרעמדער פרעגט א דורכגעהענדען ווי מען געהט צו דער תערוכה, און אט ווי ער בעשרייבט איהם: געהט ביז צום „שוטר", „עד מגרבי" ביי דער „מסעדה", געהט רעכטס ביים „מגדלור" פערביי דעם „סינימא" ביז א „בית מרקחת", נאך דעם „המעביר" איז א „משטרה", רעכטס איז א מגדל מים און אזוי קומט איהר צום גמל העופף דארט איז די תערוכה.

און איהר מיינט, אז ער האט פיעל פערשטאנען? האט איהר א גרויסען טעות.

פ. שמולביץ.

תל אביב.

דער אינטערנאציאנאלער פוטער-יריד אין ווילנע.

דער אינטערנאציאנאלער פוטער-יריד אין ווילנע, וועלכער קומט פאר אין דער צייט פון 12-טען ביז'ן 27-טען יוני ד. י. וועט טראגען א ריין האנדעלס כאראקטער להפוך צו דעם פוטער-יריד פון פוריגען יאהר, וועלכער האט געהאט א האנדעלס אויסשטעלערישען כאראקטער.

די איניציאטיוו פון ווילנע צו ארגאניזירען צום ערשטען מאל אין פוילען פוטער-ירידן האט בעקומען די אנערקענונג פון די אפיציעלע ספערען און אויך די צושטימונג פון די אינדוסטריעלער און סוחרים פון פוטער-בראנזשע.

די דאזיגע מיינונג איז פעסטגעשטעלט געווארען אין בעשלוס פון אלפוילישען צוזאמענפאהר פון סוחרים און אינדוסטריעלער פון דער פוטער-בראנזשע און קירזשנער. דער זעלבער בעשלוס האט מיטגעווירקט די אימפרעזע פון די פוטער-יריד'ן און די שאפונג פון א שטענדיגער אינסטיטוציע, וועלכע דארף קאנצענטרירען דעם האנדעל פון רויהע און אויסגעארבייטע פוטער-פעל, אינלענדישע און אויסלענדישע.

די רעזולטאטען פון דער ביז-איצטיגער ארבייט פון דער דירעקציע פון די אינטערנאציאנאלע פוטער-יריד'ן אין ווילנע באווייזען די גרויסע פעראינטערעסירונג פון סוחרים און אינדוסטריעלער פון דער פוטער-בראנזשע, וועלכע האבען אין גרעסטען טייל שוין דעקלארירט זייער אנטייל אין פוטער-יריד.

צו וועמען געהערען די ארימעלייט?

(כמו פעליעטאן).

א שארפע מחלוקה געהט אן צווישען די צוויי פילאנטראפישע געזעלשאפטען אין אונזער שטאדט: „בית-לחם" און „תומכי עניים" וועגען רעכט אויף די היגע ארימע יודישע מאסען.

ווי מען שמועסט, וועט דער סכסוך אנשפארען אין ראבינאט, וואו ס'זאל ווערען ארויסגעטראגען א פסק-בית-דין ווער אייגענטליך ס'האט די אויסשליסליכע און איינשליסליכע רעכט אויפ'ן ביסעל יודישע ארימקייט אין טשענסטאכאוו.

בית-לחם איז געגרינדעט געווארען מיט א שענע פאר יאהר צוריק און האט געהאט די אויפגאבע צו בעשפייזען די הונגעריגע נפשות מיט ברויט און צובייסעכץ, אזוי ווי עס זאגט דער נאמען: „בית לחם" — דאס הויז פון ברויט. האבען זיי געמאכט א פערזאמלונג, אויסגעקליבען א קאמיטעט פון 2 מאל ח"י, ד"ה 36 מענשען, דאן אנ'עקזעקוטיוו מיט א פרעזידיום פון א פרעזעס און צוויי וויצע-פרעזעסען, א גאספאדארזש א. ד. גל. דערנאך האבען זיי ווערבירט מיטגלידער מיט א חודש-אבצאהל, געדינגען אינקאסענטען, וועלכע זאלען דעם ביטראג איינקאסירען און כדי דאס אלעס זאל געפיהרט ווערן אין ארדנונג, האבען זיי אנגאזשירט א סעקרעטאר, וועלכער זאל אברעכענען די איינקאסירטע געלדער, פיהרען די הוצאות והכנסות און אויך מיטהעלפען ביים איינארדנען בלימעל-טעג. די ערשטע צייט האבען זיי געטיילט פעקלעך שפייז אויסער אויף יום-טוב אויך אויף שבת, אמת, נישט פאר אלע מיטגלידער; דאך האבען נויטבעדערפטיגע מענשען פון צייט-צו-צייט עפיס בעקומען און נישט איין פאמיליע האט זיך דערכאפט ס'הארץ.

שפעטער, ווען די צייטען זענען געווארען ערגער און ס'זענען געווארען מעהר מקבלים און, ווי געוועהנליך, וועניגער נותנים. האט מען שוין אנגעהויבען צו טיילען בלויז אויף ימים-טובים, ד"ה אויף פסח און ראש-השנה אדער סכות. דער עיקר איז אבער געוועזען פסח, מען איז אוועק אין דער קהלה, פארגעשטעלט א ליסטע פון כך וכך פעטענטען און געפאדערט פאר זיי מצות און שאר ירקות; אויסער דעם האבען זיי פאר'ן ביסעל געלד, וואס איז איבערגעבליבען אין משך פון יאהר צוגעקויפט אביסעל צוקער, אויסגעבעטעלט ביי פערשידענע פירמעס אביסעל קאקאס-פיטער און צוזאמענגעשטעלט א פעקעל.

דאס האט זיך אזוי געפיהרט א לענגערע צייט און קיינער איז זיי נישט אריין אין דער פאראדע. אזוי האט געדויערט זייער חזקה עד שבאה — ביז ס'איז געקומען דער פערשאלטענער קאנקורענט און געשטאלט פון די „גוט-שבת-יודעלעך", וואס רופען זיך — „תומכי עניים".

מיט 12 יאהר צוריק איז עמנואל'קע בערשטענמאכער איינגעפאלען א „שמעקולנו", אז היות ס'זענען פערהאנען בכבודיגע ארימע יודען, וואס געניסען נישט פון קיין שום אינסטיטוציע מחמת בושה, וועט ער זיי אהיימטראגען עפיס צו אכל'ען בדרך כבוד, ער האט אויך געוואלט אנשפארען אין די שפיטעלער און דערלאנגען א חולה א פאר אייער, א פלעשיל ווייו וכדומה. וועגען דעם האט ער זיך פערטרויט פאר זיינע „אנשי-שלומנו", וועלכע האבען צוערשט געצויגען מיט די פלייצעס, נאר שפעטער האבען זיי פלוצים מסכים געווען, זיך א נאמען געגעבען „גוט-שבת-יודעלעך", און לויט'ן מוסטער פון די „גוט-שבת-יודעלעך" אין ווארשא און אין אנדערע שטעדט אנגעהויבען „מאכען די קונץ" איבער די הויפען שבת-ביי שבת.

מיט עטליכע יאהר צוריק איז די דאזיגע חברה לעגאליזירט געווארען א. נ. תומכי עניים", מיט א סטאטוט, מיט א סטעמפעל און מען האט אנגעהויבען צו ארבייטען אויפ'ן גרויסען שטייגער.

די „תומכי עניים" האט אבער נאך ביז איצט נישט קיין אפיציעלען פרעזעס, מיט קיין וויצע-פרעזעסען, אפילו קיין גלעקיל פערמאגען זיי אויך נישט — די פענטאקעס, דערפאר אבער פערמאגען זיי א ווילען און יעדען שבת אינדערפריה, סיי זומער און סיי ווינטער, לאזען זיי זיך ארויס מיט גרויסע קויבערס איבער די הויפען און שרייען אויס אויפ'ן קול: „גוט-שבת יודעלעך"— און די יודעלעך און די יודענעס, וואס געפונען זיך אין די מויערען פון זייערע היימען, פערשטעהן שוין וואס דער פסוק מיינט, און זיי טראגען אראב: ווער א חלה, ווער א ברויט און ווער אייער, צוקער, אפילו הערינג, נעמען זיי אויך צו די גוט-שבת-יודעלעך, און אט די פולע קויבערס טראגט מען גלייך אוועק אויף אנ'ארט, אויב איך האב נישט קיין טעות — אין לאקאל פון דער חברה-קדישא, און בו-ביום — באלד דעמזעלבען שבת צוטיילט מען אלעס אויס פאר די נצרכים. היות אבער, ווי נעמערס זענען פארט דא מעהר ווי געבער'ס קויפען די „תומכי-עניים" צו יעדע וואך א פאר הונדערט קילא געבעקס, וואס ווערט פערצעהרט דורך די הונגעריגע מאגענס.

די „תומכי-עניים", נישט קוקענדיג דערויף, וואס זיי עקזיסטירען שוין א היבש ביסעל יאהרען, האבען זיך פונדעסטוועגענאך נישט אויסגעלערנט צו מאכען קיין בלימעל-טעג און נעמען נישט קיין חודש-ביטראג, דערפאר אבער פיהרען זיי א ליסטע מיט א בוך, וואו ס'זענען פערשריבען אלע משפחות, וואס געניסען פון די פערטיילונגען און אהן עין-הרע, זייער צאהל זאל פערמינערט ווערען, צעהלען זיי זיך ביז 350 משפחות.

אז ס'איז געקומען פאר-פסח, האבען זיך די „תומכי-עניים — „גוט-שבת-יודעלעך" אנגעלאדען מיט „חוצפה", ארויף אין דער קהלה און געזאגט צו די ראשי-קהלה לאמור אזוי צו זאגען: פרעזעס און דאזארעס! היות ווי אויף אונזער ליסטע פיגורירען 350 משפחות און היות והיות מיר טיילען זיי פראדוקטען א גאנץ יאהר מדי שבת בשבתו, וואלט געווען אנ'עולה אז מיר זאלען זיי פערלאזען אין סאמע יום-טוב פסח און זיי איבערגעבען אין די הענד פון „בית-לחם", דעריבער ווילען מיר פון דער קהלה אונז אויסצוטיילען פארציעס פאר אונזער ארימקייט. די קהלה-לייט האבען זיך צוגעהערט צו דער טענה פון „תומכי-עניים" און נאכדעם ווי זיי האבען קאנטראלירט די ליסטע, האט די קהלה זיי צוגעטיילט כך וכך מצות.

די בית-לחם'ניקעס, וועלכע האבען א טראדיציע צו פערזארגען די ארימע בכבודיגע יודען אויף פסח, דערהערענדיג די דאזיגע מעשה-רע איז ויחר אפם, זענען זיי אריינגעפאלען אין גרימצארן און האבען געהאט אויך זייער גערעכטע טענה, באשר די דאזיגע גוט-שבת-יודעלעך זענען זיי מסיג-גבול. וואס הייסט — זיי ווילען אויך טיילען אויף יום-טוב? ווייניג האבען זיי א גאנץ יאהר, קומען זיי נאך אויף פסח אויך געבען? היה לא תהיה, אויף דעם האבען מיר א חזקה און מיר ווילען דערצו נישט דערלאזען.

הקיצור, מען האט זיך געאמפערט, געווערטעלט זיך, געגעבען שטעך-ווערטלעך און דער סוף איז געווען, אז ביידע געזעלשאפטען, סיי דער „בית-לחם" און סיי די „תומכי עניים" האבען געטיילט אויף יום-טוב. דערמיט איז אבער דער ענין נאך נישט ערלעדיגט. דער „בית-לחם" האלט ווייטער אונטער זיין טענה, אז די „תומכי-עניים" האבען זיי צוגעגזל'ט זייערע ארימע לייט און זיי פערזארגט אויף יום-טוב...

דער עפילאג פון דער דאזיגער מחלוקה וועט זיך, ווי מיר האבען שוין דערצעהלט, אבשפילען אין ראבינאט, וואס וועט דארפען ארויסטראגען דעם לעצטען אורטייל: צו וועמען אייגענטליך געהערען די ארימע לייט — דעם „בית-לחם„ אדער די „תומכי-עניים"...

סמאל.

ב. וויינבערג.

פסח=געדאנקען.

דער ווייטער שוואונג פון אונזערע יטים-טובים בכלל, דער ברייטער פערנעם פון די הויכע צילען, מוזען פארבערראשען יעדען, וואס פערטראכט זיך נור איבער זיי. בלויז דאס בעוואוסטזיין אן און פאר זיך, אז טעג, מענש און זאכען, אפילו דוממים, זענען ענינים פון הויכער וויכטיגקייט.

יום-טוב — דער טאג איז א גוטער, דער טאג איז א געהייליגטער. אט די און די מעת-לעת'ן אין יאהר ווערען אויסגעטיילט אלס בעזונדערע אינדיווידואום'ס. פון דאן אן ווערען די ימים-טובים איינגעפלאנצט אויפ'ן שטח פון א יאהר וואכענדיגע טעג, ווי ליכט-זוילען, צווישען וועלכע דער מענש און מיט יעדען שפאן, דערנעהנטערט ער זיך וואס מעהר צו א נייעם יום-טוב. דאס גאנצע יאהר ווערט דאדורך ווי געהייליגט. די וואכענדיגע טעג פערוקען זיך אין די פאלדען פון די ימים-טובים, קורטשען זיך דארט צונויף, און דאס קיילעכדיגע יאהר זעהט-אויס אזוי-ארום, ווי א לאנגער יום-טוב מיט הפסקות. ווי קארידארען, וועלכע פיהרען פון איין אויסגעפוצטען סאלאן אינ'ם צווייטען.

איבערהויפט צייכענט זיך דערמיט אויס דער פסח, וועלכער גיסט זיך פונאנדער ווייט און ברייט, ווי א טייך אום פריהלינג. לענג-אויס דעם מרה-שחורה'דיגען ווינטער. שוין דאס זעקעלע מיט'ן מצה-שמירה-ווייץ, וואס פלעגט אראבהענגען פון סופיט אין משך פון די זעקס חדשים פון רעגען און פרעסט האט אלע מאל דערמאנט אן דעם פרידליכען און גליהענדיגען ערב-פסח'דיגען אויוועז, אין רעדלען און באקען, אין א ניי אנצוגל אויפ'ן זמן-חרותנו.

נאך אום חנוכה, האט מען זיך שוין גענומען פרעגלען שמאלץ אויף פסח און זיך גרייטען צו די פרייע און הייליגע טעג.

דער בעגריף פון בלויזער צייט איז פערקניפט געווארען מיט הייליגקייט און דאס לעבען איז דערהויבען געווארען צו אנ'ערנסט. דער מעגש האט דעם יום-טוב פערהייליגט און דער יום-טוב האט דעם מענש דערהויבען. דעריבער, אויב אלע ימים טובים זענען הייליגע, איז פסח דער הייליגסטער — דער שיר השירים. דער פסח דערהויבט זיך פון דעם יאהר ארויס, ווי א ליכט-טורם, אויסגעטאקט און געשליפען, „כליל השלימות", ווי א געניאל קונסט-ווערק: אלץ איז דא דערהויבען צו סימבאלען: מענש און זאכען, חמץ און מצה, מרור און ארבע כוסות, דער לחמא-עניא און דער אפיקומן, די קערה איז א וואונדערליכער צירוף און אן איבערראשענדע קאנצעפציע. צווישען איהרע ענגע גרעניצען האט אויסגעלעגט א וועלט-אנשויאונג, צווישען אלע איבריגע ימים-טובים איז פסח די שארפסטע פערזענליכקייט די פלאמפייערדיגסטע. פסח איז א מין שרץ, פון וועמענס נאז-לעכער רויכערט א האסטיגער גרימצארן. א גזיר, א קפדן, ער דערלאזט נישט אין זיינע ד' אמות שטעהן. ער קאן קיין חשש חמץ נישט פערטראגען און איז מקפיד אויף א „משהו". איינער פון די גרעסטע מתנגדים, וועלכע פערברענען אלץ מיט זייערע אויגען. ווי ר' שמעון בן יוחאי בעת ר'איז ארויס פון דער הייל, שטרעבט ער אלץ עוקר-מן-השורש-זיין און מבער-זיין פון דער וועלט. אפילו דאס מינדעסטע ברעקיל חמץ. ס'מוז אלץ געגליהט און גע'כשר'ט ווערען, אין פייער און אין וואסער. ר'איז נישט מקפיד בלויז אויפ'ן תוך, נאר פונקט די זעלבע שטרענגקייט ווענדעט ער אן אויף די כלים.

אט טאקי דא, האט איהר פאר זיך דעם שליסעל צו דער העכסטער מדרגה פון שעפפערישקייט. „ועניתם את נפשותיכם", פייניגען זאלט איהר זיך — האט א יודישער קינסטלער געזאגט: דאס מיינט מען קונסט, וויבאלד קונסט, מוז זיין אסקעטיזם. איבערמענשליכע מיה, שטרענג, פעדאנטיש, נישט פערקוקען אפילו א האר, ווארום דער אונטערשיד צווישען אמת'ער קונסט און פאלשער איז נור בלויז א האר, אין אלעם איבריגען זעהען ביידע אויס כמעט ווי איינע און דיזעלבע. פערקעהרט, די פאלשע, שעמערירט און פערבלענדעט נאך מעהר. פונקט ווי דער אמת'ער נביא און דער נביא-השקר רעדען די זעלבע רייד און ביים פאלשען איז דער פאטאס נאך אפילו א גרעסערער. מ'דארף אבער האבען אנ'אויער אויפצוכאפען דעם דאזיגען „משהו", וועלכער איז דאס וואג-צינגעל. אזוי ארום איז פסח דער אסקעט, אנ'עכטע שאפונג פון דער יודישער נשמה. יודען האבען אלץ אזוי געטהון, צוערשט אבגעוואויגען אויף וויפיעל א מענש איז אימשטאנד אריבערצוטראגען און דערנאך געשאפען דאס געזעץ. אבער ווי באלד דאס געזעץ איז ארויסגעגעבען געווארען, איז „יהרג ואל יעבר". אויף א האר נישט געענדערט. דעריבער, מאטערן מיר זיך ביי זיין קבלת פנים, דורך זיין גרויסער שטרענגקייט. פסח ווארפט אן א שרעק מיט זיין וואשען און רוימען, מיט'ן גליהען און טובל'ען, ער פערשאפט יסורים, אבער ליעב זענען ביים פאלק זיינע יסורים, ווי ליעב זיי זענען דעם קינסטלער.

דאס געניאלע קונסטווערק איז פערענדיגט. דאס בילד אויפגעצייכענט. אלע האבען דאס דאזיגע בילד געצייכענט. קינד און אלט. דער אויווען-גליער און דער קשיות-פרעגער. אלע האבען פארבען געמישט און גענומען אנ'אנטייל אין דעם שלייפען, נישט בלויז געצייכענט, נאר אויך עמפפיגדען. דאס איז נישט געווען בלויז קונסט. די הגדה איז נישט אויסגעטיילט פונ'ם לעבען. יעדער יוד האט געשפירט מיט אלע חושים, אז ער איז דאס אויסגעלייזט געווארען פון גלות-מצרים, ווי דער „חיב אדם לראות את עצמו" וכו. ער האט אין דער מדבר געוואנדערט, א תורה בעקומען. קולות וברקים געהערט און וואונדער געזעהן. פון דער געטליכער דראמע הילכען ארויס וואונדערליכע מענשליכע טענער. די גרויסע ברודערליכקייט, א שטיל שטראהלענדע אינטימיטעט. „נעם דעם כוס און זאג אזוי". „טונק איין דעם מרור און זאג". עס רעדט א ברודער און א פריינד. דעם אפיקומן בעהאלט מען און מ'געפינט איהם ווידער. א הויך פון אייביגקייט. אליהו הנביא, דער גוטער און פערשטעלטער, דער טייערער שליח איז אויך דא. אלץ פערוויגט און טרייסט. זאג דעם הלל. געדענק אין חד-גדיא. און ערשט דערנאך דער אייביג-יונגער שיר-השירים.

און מיר, די עפיגאנען, די קליין-וואוקסיגע, וועלכע האבען אויפגעהערט שעפפעריש צו זיין און פערגעסען דעם סוד, ווי אזוי מ'נעמט א שטיק שווארץ לעבען און מ'קנעט דערפון ארויס א הייליגע לעגענדע. מיר, וועלכע קאנען מעהר נישט, ווי כאפען שריים פון אונזערע עלטערנס טישען און שפייזען זיך בלויז פון זכרונות. — מיר דארפען מיט צהרעפורכט אראבלאזען אונזערע קעפ פאר דעם דורך יודען געשאפענעם געניאלען קונסטווערק, מיט שטוינען זיך איינהארכען אין דער געטליכער סימפאניע, וועלכע ס'זינגט אויס א פאלק און אויך נאכשעפטשען: „כאשר זכינו לסדר אותו, כן נזכה לעשותו!"

אינזש. ה. ווילטשינסקי.

דער קולטורעלער מצב פון טשענסטאכאווער יודען אין 19-טען יאהרהונדערט.

.1

דער גייסטיגער מצב פון די פוילישע יודען אויף דער גרעניץ פון 18-טען און 19-טען יאהרהונדערט איז בדרך הכלל געווען א גאנץ נידריגער. א חוץ יחידים-משכילים, בעיקר אין ווארשע, וועלכע זענען געווען אנהענגער פון משה מענדעלזאהן'ס אידעען און געשטרעבט צו בילדונג, האט די גאנצע יודישע בעפעלקערונג אין פוילען געזונקען אין גייסטיגע פינסטערניש און טעמפקייט. וואס עלטער עס איז געוועזען א יודישער ישוב, וואו די קהלה'שע קליקע האט פון דורות געריטען אויף דעם רוקען פון דער מאסע פאנאטישע הענדלער און טעמפע בעלי-מלאכות, — אלס א גרעסערע אבגעשטאנענקייט האט דארט געהערשט.

א דאנק דער יונגקייט פון דעם יודישען ישוב אין אלט-טשענסטאכאוו, קען מען דאס אויביגע נישט אנווענדען בנוגע די טשענסטאכאווער יודען. תיכף פון ערשטען מאמענט ווען עס האט זיך אנגעהויבען שאפען דא אן ארגאניזירט געזעלשאפטליך לעבען, בעת די טשענסטאכאווער יודען האבען נאך געבילדעט אן אונטער-קהל פון יאנאוו, זענען אין זייער שפיץ געשטאנען נישט קיין פאנאטיקער. די אנפיהרער פון די אלט-טשענסטאכאווער יודען זענען באמת טאקע געווען מענשען פון אלטען שניט, פארצייטיגע לויט'ן שטייגער, אינסטינקטיוו אבער האבען זיי סימפאטיזירט מיט'ן פארטשריט און געשטיצט פראגרעסיווע בעשטרעבונגען. אזאלכע זענען געוועזען די גרינדער פון דער טשענסטאכאווער קהלה: חיים בערקאוויטש, נחמן בערמאן, וואלף און חיים משה לאנדוי, ד' ברידער לייבל און מאיר קאהן, אברהם מייזעל, אברהם גינזבערג א. א.

וועגען דער גייסטיגער מענטאליטעט פון די אמאליגע טשענסטאכאווער יודישע מנהיגים בעווייזען כאטש די געוואגטע פערטיידיגונגען, וועלכע זיי האבען געפיהרט געגען אונגערעכטיגקייטען, וואס מ'איז בעגאנגען בנוגע יודען. זעהר ענערגיש פלעגען זיי אויך רעאגירען אויף אייגענע פערזענליכע עולות. ווען מ'האט גענומען פערוועצהרען, דורך דער פרייסישער אקופאציע-מאכט, די טשענסטאכאווער יודען צו בעשעפטיגען זיך מיט פראפינאציע-ענינים, ד. ה. מיט פאבריצירען משקאות און האנדלען מיט זיי, האבען די טשענסטאכאווער ראשי-הקהל'ס: בערמאן, קאהן און מייזעל אנגעלאנגט אזש ביז דעם פרייסישען קעניג פרידריך ווילהעלמס רעזידענץ. נישט געקוקט אויף זייער טיעפען עלטער און אויף די גרויסע שוועריגקייטען, מיט וועלכע אזא רייזע מיט פערד און אויף אזא מהלך איז געווען פערבינדען, האבען זיי זיך געלאזט אין וועג קיין בערלין און דארט זיך משתדל געוועזען ביים פרייסישען קעניג און זיינע מיניסטארען.

צו בילדען זייערע קינדער האבען די טשענסטאכאווער יודען אראפגעבראכט לעהרער און מלמדים פון דער פרעמד, מענשען לרוב וועלטליכע, וועלכע האבען געקענט פויליש און דייטש. נישט רעדענדיג שוין וועגען די גרויסע הוצאות, מיט וועלכע עס איז געווען פערבינדען אזא היימישע בילדונג, ווייל עטליכע פאמיליען-פאטער'ס איז דאך אויסגעקומען אויסצוהאלטען א לעהרער, איז נאך אויסגעפאלען צו קעמפפען פאר דעם וואוינרעכט אין שטאדט פאר אזעלכע פעדאגאגען. אין די ערשטע צעהנדליג יאהרען פון 19-טען יאהרהונדערט זענען דורך דער מאכט דערווייטערט געווארען פון טשענסטאכאוו אלס פרעמדע די יודישע לעהרער: ליאן גאטאבערג פון גלאגאו (שלעזיען) און ווילהעלם אימוער פון פראשקע, ווי אויך די מלמדים: הלל וויינבוים, אריה לייזעראוויטש, איצעק געמבאס פון לובראניעץ און שלמה דוד גוטענטאג פון זאלאשין. געבליבען פון זיי אלע איז דערנאך בלויז גוטענטאג, וועלכער איז בעטראכט געווען ביז'ן העלפט 19-טען י"ה פאר דעם בעסטען העברעאישען לינגוויסט אין דער גאנצער געגענד, און וועלכענס זוהן גוטענטעגער איז געוועזען איינער פון די ערשטע טעקסטיל-פאבריקאנטען אין טשענסטאכאוו.

די פועל-יוצא'ס פון דער דאזיגער בילדונגס-טעטיגקייט האבען זיך קענבאר געמאכט ביי פערשידענע געלעגענהייטען. בעת עס איז, למשל, פראיעקטירט געווארען אינ'ם ניי ענטשטאנענעם קעניגרייך קאנגרעס-פוילען א

וואס געהערט, וואס געזעהן.

אין בעסטען ארדנונג.

איצט קאן מען שוין מאכען דעם סך-הכל פון דער היי-יעהריגער מצות-אקציע, ד. ה. נישט חס ושלום וועגען דער פסח-אקציע, וועגען וועלכער מיר ווילען נאך ווארפען א ווארט, דערווייל אבער ווילען מיר פעסטשטעלען, אז די מצה-אקציע איז אדורך אין בעסטען ארדנונג.

אמת, יודען האבען געהאט מענות, באשר ביי אונז האבען געקאסט מצות טייערער ווי אומעטום, נאר: ערשטענס גלויב איך גישט, אז מיר האבען געהאט די טייערסטע מצות והשנית—ווען האבען דען יודען נישט קיין פרעטענציעס. דער עיקר—אז די מצה-בעקער האבען זיך פיין אויפגעפיהרט און דעם אמת מוז מען זאגען, אז די קאנטראלערען זענען געווען אויף דער וואך און עהרליך אויסגעפיהרט זייער אויפגאבע.

ס'האבען נישט אויסגעפעהלט קיין מצות און ס'זענען נישט איבערגעבליבען. אויך איז נישט געווען קיין פאל, אז מען זאל אין די בעקערייען אביסעל צושמוגלען מעהל, נאר אלץ איז געגאנגען כשורה. די פרעמדע מצות, וואס פערשידענע חכמים האבען געברענגט, זענען געבליבען איבער'ן האלז.

קורץ, מען דארף דעם בעקער-צעך זאגען דעם אמת, אז זיי האבען עס געמאכט אין בעסטען ארדנונג.

אמעריקאנער קארטאפעל.

דאכט זיך, אז קארטאפעל זענען עגטדעקט געווארען אין אמעריקא און דערפאר רופט מען זיי אמעריקאנער קארטאפעל.

איך זאג דאס אקעגען דעם, וואס די טשענסטאכאווער לאנדסלייט אין אמעריקא האבען זיך דערמאנט אין זייערע בני עיר'ס און האבען צו דער דיספאזיציע פון היגען רב און קהלה-פרעזעס אהערגעשיקט דריי הונדערט דאלאר פאר די ארימע יודען אין טשענסטאכאוו, פאר וועלכע מען האט געקויפט 500 קערץ קארטאפעל און זיי צוטיילט אויף יום-טוב.

ווי ס'ווייזט אויס, איז אמעריקא פארט געבליבען אמעריקא און נישט מיר שיקען קיין אמעריקא געלד, נאר די אמעריקאנער שיקען דערווייל נאך אונז געלד און היות ווי מען האט פערטיילט פאר דעם געלד קארטאפעל, האט מען נאכאמאל בעפעסטיגט דעם נאמען: „אמעריקאנער קארטאפעל"...

דער קוך-קאמענדאנט.

א מערקווירדיגע זאך—א גאנץ יאהר זעהט מען איהם זעלטען, ווער שמועסט אין דער קהלה, זעהט מען איהם אוודאי נישט, נאר אזוי ווי עס קומט א פאר טעג פאר פסח, וואקסט ער פלוצים אויס אזוי ווי פון אונטער דער ערד און ער איז דא. מען דארף איהם נישט רופען, ער קומט אליין אונזער קוך-קאמענדאנט—קאפיל גוטערמאן,

באלד מאכט ער דעם פלאן פון דער ארבייט, רעכענט אויס, בעשטעלט און שוין קריכט ער אריין אין דער ארבייט, וואו ער פערברענגט גאנצע 8 טעג און נאך פסח געדויערט נאך א לענגערע צייט, ביז ער ליקווידירט די קוך.

א זעלטענער פיינער עקזעמפלאר, וואס איז ווערט א ווארימען יישר כח — אונזער קוך-קאמענדאנט.

די ארמעע איז אויסגעוואקסען.

זייט רוהיג, כ'געה נישט אויסגעבען קיין מיליטערישע סודות; אויך וועל איך נישט דערצעהלען וועגען דער גרויס פון דער פוילישער ארמעע, נאר אויב ס'איז דא געקומען צו-רייד, איז עס וועגען די יודישע סאלדאטען, וועלכע זענען, אהן עין-הרע, היי-יאהר היפש אויסגעוואקסען צו א גרויסע ארמעע.

אויסער די עלטערע יודישע סאלדאטען זענען היי-יאהר דא א סך רעקרוטען און אלע צוזאמען — געווען ביז צוויי מאות — האבען געגעסען אין דער קוך, ס'איז דעריבער געווען א רחמנות צוצוקוקען ווי אונזער בראווער קוך-קאמענדאנט ר' קאפיל גוטערמאן האט נעביך געשוויצט און געמוזט אלעמען אנקארמען.

וואס שייך צו זאגען: הלואי וואלטען מיר כאטש געהאט אזאלכע צוויי מאות יודישע בעאמטע אין די מלוכה-אנשטאלטען — דאס איז אבער דערווייל נאר א חלום, סיי-ווי איז אונזער יודישע צאהל געוואקסען נאר אין דער ארמעע.

די אונטערוועלט ביי דער ארבייט.

אזוי ווי אלע יאהר פאר-יום-טוב, אזוי אויך היי-יאהר האבען די פינסטערע כוליגאנעס אונטער דער אנפיהרונג פון די היגע ענדעקעס בעוויזען זייער העסליכע ארבייט.

זונטאג פאר יום-טוב איז דאס געווען, לויט א פעראָרדנונג פון דער מאכט איז געווען ערלויבט צו האנדלען, נאר אזוי ווי ס'האבען זיך בעוויזען די ערשטע יודישע סוחרים, אזוי זענען זיי בעפאלען געווארען פון א באנדע הינטערוועלט-שקצים, וועלכע האבען זיך געווארפען אויף די אונבעוואפענטע יודען, זיי געשלאגען מכות-רצח און צוטרעטען זייערע סחורות. אויסערדעם האבען זיי געטיילט ווייסע (שוין נישט קיין גרינע) בלעטלעך, פול מיט האס געגען יודען און אנגעזאגט די קריסטליכע קונים, אז זיי זאלען נישט קויפען ביי קיין יודען, נאר ביי די יעניגע. וועלכע אנאנסירען זיך אין דער נאראדאווע צייטונג.

ווי איהר זעהט, איז קלאר וועמענס שטיקעל ארבייט דאס איז און וואס מען איז דערמיט אויפען — גאר פשוט, מען וויל רעקלאמירען די יעניגע, וועלכע גיבען זייערע אנאנסען אין דער נאראדאווע צייטונג.

א פאקט אבער, אז דיזעלבע קריסטען, וועלכע האבען בעקומען די ווייסע בלעטלעך, זענען גלייך מיט די בלעטלעך אין די הענד אריין אין יודישע געשעפטען און געשמאק געקויפט זייערע סהורות.

די כוליגאנעס, זעהענדיג, אז קיינער שטערט זיי נישט אין זייער פערדארבונגס-ארבייט, האבען זיי זיך געלאזט אין די יודישע געשעפטען, ארויסגעשלעפט פון דארט די קריסטליכע קונים און אויסגעהאקט די שויבען, אנמאכענדיג א גרויסען שאדען. דער עיקר אבער—זיי זענען אוועק אונבעשטראפט.

עס איז טרויעריג אונזער לעבען, וועלכעס איז הפקר און כסדר בעדראהט פון די ווילדע כוליגאנעס.

א שרעק נעמט אן, און אך און וועה איז צו אונז, ווען די הינטערוועלט איז ביי דער ארבייט...

פארוואס איז דאס אזוי?

מיר האלטען און ס'איז אנגענומען ביי דער וועלט, אז יודען, איבערהויפט די רעליגיעזע יודען זענען זעהר קאנסערוואטיוו און היטען אב יעדען קצו של יוד לויט'ן שלחן-ערוך; זיי וועלען באדאי היזק האבען געלד, אבי נאר נישט עובר צו זיין אויפ'ן מינדעסטען דין און אפילו אנ'אנגענומענעם מנהג. דאך וועט איהר ביי קיין שום פאלק נישט טרעפען אזא לייכטשעצונג צו די עלעמענטארסטע דינים פון דער רעליגיע.

דאכט זיך, אז די יודישע שחיטה איז איינע פון די עיקרים פון יודישען דת. פונדעסטוועגען לאזט מען שחט'ן ביי ווינקעל-שוחטים, וואס נישט זיי ווייזען עמיצען דעם חלף און ס'איז נישט בעוואוסט, צו זיי קאנען איבערהויפט שחט'ן אויף כשר. נאר וואס דען טאמער קאסט מיט א פאר גראשען ביליגער, זענען שוין די דאזיגע יודען נישט מקפיד ווער עס איז דער שוחט, אמת, דיזעלבע וועלען טאקי לויפען פרעגען א שאלה, אויב זיי וועלען נאר געפונען א חשש אויף דעמזעלבען עוף, נאר אז די שחיטה איז למפרע נבילה—ארט זיי נישט. דאס פערגלייכט זיך מיט דעם ווערטיל, ווי יענע, וועלכע קויפט טריפה פלייש און שפעטער מאכט

געטאָ פאַר די טשענסטאָכאָווער יודען, אַז זיי זאָלען מעגען וואוינען אין א ספּעציעל פאַר זיי בעשטימטען ראַיאָן, האָבען זיך די אָנגעזעהענסטע טשענסטאָכאָווער יודען געוואָנדען צו דער מאַכט מיט א פּראָפּאָזיציע, אַז זיי וועלען מסכים זיין צו אייראָפּעאיזירען, ד. ה. קליידען זיך נישט-יודיש און שיקען זייערע קינדער אין שולען, אויב מ'וועט זיי דערלויבען צו וואוינען אחוץ דעם געטאָ. אַזוי פּראָגרעסיוו האָבען זיי שוין דאַמאָלס געדענקט.

די טשענסט. יודען האָבען אויך געהאַט ביים סאַמע ענטשטעהן פון זייער קהלה אייגענע מעדיצינישע כוחות. אין י. 1797 האָט דאָ שוין געוואוינט א יודישער רופא, דער כירורג חיים. בעת די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות איז געווען טעטיג אין די טשענסט. מיליטערישע לאַזאַרעטען דער יודישער כירורג ברוך איצעק. אין די יאָהרען 1819-20 האָט זיך דאָ בעזעצט דער ערשטער בכלל ד"ר מעדיצין, ד"ר אברהם אַדאָלף שטערן. א געבוירענער אין קושעפּיץ, האָט ער געענדיגט דעם מעדיצינישען פאַקולטעט פון בערלינער אוניווערזיטעט, געשריבען אַרטיקלען אין מענדעלסאָנישען „המאסף" און פערפאַסט א פּאָפּולערען מעדיצינישען חבור אין העברעאיש „מזור ותרופה". אין טשענסטאָכאָוו איז ער געווען טעטיג אַלס מעדיקער און געזעלשאַפטליכער טהוער איבער 40 יאָהר. אין י. 1835 האָט דאָ שוין פּראַקטיצירט א טשענסטאָכאָווער יונגערמאַן ד"ר יוסף פּאָזנאַנסקי.

א בעזונדער גרויסער דראַנג צו בילדונג מצד דער טשענסט. יודישער יוגענד, וועלכער האָט אָנגענומען כמעט א מאַסען-כאַראַקטער, איז ענטשטאַנען אין דער צייט ווען אין טשענסטאָכאָוו האָט זיך ענטוויקעלט די ערשטע טעקסטיל-אינדוסטריע, צו וועלכער עס האָבען זיך געוואָרפען א סך אָרטיגע יודען. פיעל זענען געוואָרען וועבער, אַנדערע זענען דערביי רייך געוואָרען אַלס אונטערנעמער און זייערע קינדער געשיקט לערנען אין די מיטעל-שולען פון פּיעטרקאָוו, קאַליש און שפּעטער אויף אויסלענדישע הויכשולען.

א טאָג אין וויען.

די שפּאַנונג אין וואָגען וואַקסט. די רייזענדע גרייטען זיך שוין צום אַרויסשטייגען, די פּאַסאַזשירען, וועלכע זענען נאָך אין ווין נישט געווען, שטיפּען זיך צו די פענסטערלעך.

פריש זענען נאָך ביי יעדען אין זכרון די פאַריעהריגע געשעהענישען. פון די פענסטער וויל יעדער שוין זעהען אַמאָקרינג און פלאָרידסדאָרף. אין די דאָזיגע שטאָדט-טיילען האָבען זיך דאָך אָבגעשפּילט די שאַרפסטע קאַמפּען, דאָ האָבען די עסטרייכישע סאָציאַליסטען געקעמפט אויפ'ן לעבען און טויט געגען דעם היטלעריסטישען אַוואַנגאַרד.

דער צוג הויבט אָן שפּרינגען אויף די רעלסען-וועקסלען. מיר דערנעהנטערען זיך צו דער שטאָדט. שוין זעהט מען די ערשטע בלאָקען פון די רעגירונגס הייזער, און כאָטש זיי זעהען אויס אַזוי ווי ביי אונז אין שלעזיען אָדער אין גרעסערע מערב-שטעדט, דאָך אָבער דיקטירט די פאַנטאַזיע עפּיס אַנדערש.

די פּאַסאַזשירען, וועלכע זוכען סענסאַציעס, קוקען מיט נייגיער אויף די קאַזאַרמעס-הייזער און שטעלען זיך פאָר, אַז דאָס הויז איז אפשר געווען א פעסטונג אָדער פאַרטיידיגונגס פּאָזיציע פון די סאָציאַליסטען, אין שכנות-דיגען הויז האָבען זיי אפשר געפיהרט די שווערע קאַמפּען...

און די דאָזיגע גאַנץ געוועהנליכע געביידעס, וועלכע עס חלומ'ט זיך פון גאָרנישט, בעקומען אנ'אורעאָל פון עפּיס נישט-געוועהנליכעס, נישט טאָג-טעגליכעס און אפילו אין א געוויסער מאָס העלדישעס. זעהר פיעל קען די מענשליכע פאַנטאַזיע!

מיר קומען אָן אויפ'ן באַהן-הויף. יעדער פאַרגעסט שוין וועגען די צוגעצאָהלטע 50 גראָשען אַלס „צאָלגעבוהר". עסטרייך וואָלט נישט געווען אינטערעסאַנט אָהן דעם דאָזיגען אַבצאָהל, וועלכען מען טרעפט נישט אין קיין שום אַנדער לאַנד, ווייל ס'איז פּשוט אומבעגרייפבאַר, אַז א קאָנדוקטאָר פון טראַמוויי זאָל אַליין פערהאַלטען פאַר זיך ביפער-געלד.

נישט איינמאָל בין איך געפאָהרען מיט'ן טראַמוויי און עס איז מיר קיינמאָל נישט פאָרגעקומען, אַז איך זאָל דערהאַלטען אַזויפיעל רעשט ווי פיעל מיר קומט. דער פּרייז פון בילעט בעטרעפט 32 גראָשען, דער קאָנדוקטאָר פאַרלאַנגט אָבער שטענדיג די סומע ביז 35 גראָשען, ווייזט אויס, אַז דאָס „אַנאַרכיע" האָבען די עסטרייכער אין בלוט.

א גוטע שולע האָבען א פּנים געהאַט אונזערע „ליעבע" גאַליציאַנער אין אַלטען עסטרייך.

מיר געהען אַרויס אין גאַס. עס איז נאָך זעהר פריה. די געוועלבער הויבען ערשט אָן אויפצוהויבען זייערע שווערע אייזערנע אַפּלען — די זשאַלוזיעס.

מען טרעפט נאָך די, פאַר גרויסע שטעדט אַזוי כאַראַקטעריסטישע, טיהרען מיט מילך, אָבער די זון איז שוין אויפגעגאַנגען און האָט אויפגעוועקט די שלאָפענדיגע בעטלערס אויף די בענק פון די סקווערען און עפענטליכע פּלעצער. און זיי בלאָנדזשען אַלזאָ יעצט אַליין אויף די גאַסען, כדי א פּאָר שעה שפּעטער דערטרינקען צו ווערען אין די מענשליכע כוואַליעס, וואָס וועלען פאַרפולען די גאַסען.

אויסגעדאַרטע, כאָטש ס'איז נאָך קאַלט — אָהן פּאַלטענס, זענען זיי א צייכען פון דעם פאַרגאַנגענעם וואוילשטאַנד פון דער דונאַאישער הויפּטשטאָט. זיי זענען א טרויעריגע בעשטעטיגונג פון די ידיעות אין דער פּרעסע, אַז „ווין הונגערט".

באַלד דערנאָך הויבט זיך אָן א לעבעהאַפטע בעוועגונג אויף די גאַסען: מענשען איילען צו דער אַרבייט, אויזאַי דערפאַר, ווייל זיי האָבען קיין צייט נישט, בעשטימט דערפאַר, ווייל ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיי זעהען די ווינער גאַסען. זיי לעזען נישט די מאַסען פּלאַקאַטען און פּלאַקאַטלעך, וועלכע רופען אַריינצוטרעטען אין דעם „היימאַטספּראָנט".

פון די מויערען אַראָב, פון די טעלעגראַפישע סלופּעס, פון די פּלאַטען, פון אומעטום קוקט אַראָב א „האַקענקרייץ", וועלכער איז א ביסעל געענדערט און האָט נישט די פאַרבויגענע אָרעמס, כדי נישט אָוועקצושטראַשען.

אפילו אויף די מטבעות זעהט מען דאָס עמבלעם, כדי אַלע זאָלען איהם זעהען. כדי ער זאָל שטענדיג דערמאָנען דעם „טרעט אַריין אין דעם היימאַטספּראָנט"! אָבער איך ווייס נישט צי האָט דאָס די געהעריגע ווירקונג.

גאַנץ וועניג זעהט מען אויף דער גאַס מענשען, וועלכע האָבען געהאַט אין דער קלאַפּע פון ראָק א צייכען פון פּאַרטיי-אָנגעהעריגקייט. די נייע פיהרער האָבען וואַהרשיינליך נאָך נישט געהאַט די מעגליכקייט זיך צו בעווייזען מיט עפּיס רעאַלע פערדינסטען, און די יעניגע, וואָס האָבען געמוזט אָבטרעטען?...

גאַנצע גאַסען זענען פאַרבויט מיט מאָדערנע געביידעס, פאַרזעהען מיט די אויפשריפטען: „דאָס איז געבויט געוואָרען אין יאָהר 1627", „דאָס הויז האָט אויפגעבויט דער מאַגיסטראַט פון דער שטאָדט ווין אין יאָהר 1927" — מען זעהט אָבער אויך יעצט די פריהערדיגע פאַרמלחמה'דיגע מונדירען פון דער קייזערליכער עסטרייכישער אַרמעע.

איך ווייס נישט צי איז דאָס געווען אנ'אויסנאַהמס-טאָג, אָבער א פּאָר מאָל אין משך פון עטליכע שעה האָב איך געהאַט די געלעגענהייט צו אָבסערווירען מאַרשירענדע אָבטיילונגען מיליטער.

יעדע פּאָר מינוט הערט מען די פּויקען און די ווינער, וועלכע זענען בעקאַנט פון זייער „געמיטליכקייט" שטעהען אויף די טראָטואַרען און קוקען זיך צו צו זייער „אַרמעע".

די קייזערליכע מונדירען, וועלכע מ'האָט אַרויסגענומען פון דעם מאַגאַזין האָבען דעם ציעל צו דערהויבען דעם ריטערליכען און בירגערליכען גייסט. זיי דאַרפען ווירקען אויף אַזאַ אופן, דאָס זיי זאָלען פאַרמעהרען די מיליטערישע רייהען.

פריש לעזען מיר, אַז די אַרמעע זאָל פון 30 טויזענד פאַרגרעסערט ווערען אויף 60 טויזענד. דער דאָזיגער פּראָיעקט געפינט אָבער נישט דעם געווינשטען אָבקלאַנג ביי דער עסטרייכישער געזעלשאַפט.

מען זעהט נישט אין די מאַרשירענדע זעלנער דעם ספּעציעלען מלחמה-גייסט און די אָפיצירען זעהען מעהר אויס אויף איבערגעטהוענע בעאַמטע און סוחרים, ווי אויף מיליטערישע אָנפיהרער. ביים בעסטען ווילען בעקומט זיך נישט דער צוטרוי צו די מיליטערישע פעהיגקייטען פון די עסטרייכער. הלואי זאָל זיך נישט געפינען קיין געלעגענהייט פאַר דעם מין אויפטריטען.

ווין, אַפּריל 1935.

שמעון קראַק.

א גוט געשעפט.

איינער פון אונזערע גרעסטע פינאַנסיסטען האָט בעצייכענט די אינוועסטיציע-הלואה ווי א גוט געשעפט פאַר'ן בירגער גופא. די דאָזיגע בעצייכענונג איז זעהר א געלונגענע, נאָך דער נישט לאַנג פאַרענדיגטער נאַציאָנאַלער הלואה, וועלכע איז פאָרגעקומען אונטער'ן צייכען פון א גאַנצער רייהע אַלגעמיין-מלוכה'שע לאָזונגען, האָט מען די נייע אינוועסטיציע-הלואה, געבויט אויף אַזאַ אופן, אַז דער פּערזענליכער אינטערעס פון סובסקריבענט שפּילט דאָ א „קאָלאָסאַלע ראָלע.

כדי אַרויסצורופען א פּראַאינטערעסירונג מצד די בירגער צו דער אינוועסטיציע-הלואה, האָט מען זי פאַרבונדען מיט א גאַנצער רייהע פּרעמיעס. דער ווערט פּאַפּיר, וואָס דער צייכנער וועט בעקומען, וועט נישט נאָר ברענגען א שטענדיגען פּראָצענט (נישט קיין סך קלענערן ווי פון אָבשפּאָרונגען אין בענק), נאָר בערעכטיגט אויך צום אָנטייל אין דער ציהונג פון די פּרעמיעס. די פערעפענטליכטע ציהונגס-טאַבעלען זענען זעהר צוציהענד, געבענדיג די מעגליכקייט דעם בעזיצער פון א 100 זלאָטיגער אָבליגאַציע פון דער אינוועסטיציע - הלואה צו געווינען דריי מאָל אין יאָהר גרויסע פּרעמיעס, וואָס דערגרייכען אפילו די סומע פון א האַלבען מיליאָן.

נישט בלויז אָבער אין דער פּערספּעקטיוו צו געווינען א גרויסע פּרעמיע ליגט דער גוטער געשעפט. וויכטיג איז אייך פאַר'ן סובסקריבענט די נייעס פון פּרעמירען די אָבליגאַציעס, וואָס ווערען אַרויסגעצויגען צום אויסקויפען. פאַר א 100 זלאָטיגער אָבליגאַציע, וועט די מלוכה קאַסע צאָהלען אין פאַל פון אויסלאָסעווען — 120 און אין די לעצטע יאָהרען פון דער הלואה — אפילו 130 זל.

דער הויפּט מאָמענט בלייבט אָבער די מעגליכקייט צו דעקען א העלפט פון דער דעקלאַרירטער סומע מיט אָבליגאַציעס פון דער נאַציאָנאַלער הלואה. ווי בעקאַנט איז די נאַציאָנאַלע הלואה געווען א נאָמינעלע און האָט געמוזט בלייבען ביים בעזיצער, וועלכער האָט גרויסע שוועריגקייטען ביים וועלען זי פאַרקויפען. דאָס איז ווי א געצווינגענע אָבשפּאָרונג, פון וועלכער מען צאָהלט טאַקי פּראָצענטען, אָבער פון וועלכע מען קען נישט אין פאַל פון א נויטווענדיגקייט געניסען און איז שווער צום רעאַליזירען.

די דאָזיגע אומבעקוועמליכקייט האָט ווייזט אויס די רעגירונג פאַרשטאַנען, אויב זי גיט די מעגליכקייט צו פאַרטוישען די אָבליגאַציעס פון דער נאַציאָנאַלער הלואה אויף דער אינוועסטיציע-הלואה. גענוג צוצוצאָהלען א גלייכווערטיגע סומע צו דער בעזיצענדער אָבליגאַציע פון דער נאַציאָנאַלער הלואה (וועלכע מען קען איינצאָהלען אין צוויי ראַטעס), כדי צו בעקומען א ווערט - פּאַפּיר, וועלכער אונטערליגט נישט קיין שום בעגרענצונגען און מען קען פאַרזעצען אָדער פאַרקויפען.

די פּראָיעקט-געבער פון דער נייער הלואה האָבען דאָס מאָל געהאַט זעהר געלונגענע איינפאַלען, וועלכע דאַרפען געהעריג אויסגענוצט ווערען דורכ'ן יודישען סוחרטום און ברייטסטער בעפעלקערונג.

זי עס כשר דערמיט, וואָס זי זאַלצט עס אויס...

דאַן טהון זיך א סך יודען זעהר לייכטשעצען דאָס קומען צום ראַבינאַט אויף א דין-תורה. דער זעלבער יוד, וואָס וועט לויפען אין איין ציטערניש, בעת ער וועט בעקומען א „וועזוואַניע" פון עפּיס אנ'אוזשאַנד, קומט נישט, ווען מען רופט איהם צו א דין-תורה. און דאָס נישט קיין פּראָסטע יודען, גאָר אפילו חסידישע יודען, וועלכע וועלען זיך אַרומבינדען מיט א גאַרטעל ביים דאַווענען און האַלטען אין איין מוסר-זאָגען, ווען ס'וועט זיך איהם אויסדאַכטען, אַז יענער היט נישט אָב לויט זיין מיינונג א מנהג — ווען ס'האַנדעלט זיך אָבער אין זיך אַליין, פאַרגעסען זיי אַלץ...

ער היט זיין פאַטער'ס געשעפט.

צווישען די „סאָלידע" יונגעלייט, וועלכע זענען אַרומגעלאָפען דעם פאַר-יום-טוב'דיגען זונטאָג מיט די העצבלעטלעך אין גאַס און אויך אַרויסגעשלעפּט די קריסטליכע קונים פון די יודישע געשעפטען, האָט זיך אויך געפונען דער זוהן פון דעם פיש-פאַרקויפער אויף אַלטע וואָלנאַשטשי, גראַבאַרסקי.

קומען עטליכע יודען צו מיר און האָבען טענות, הלמאי מיר שרייבען דאָס נישט עפענטליך און מיר מאַכען נישט אויפמערקזאַם די יודישע איינוואוינער, וועלכע קויפען פיש ביים פאַטער פון דאָזיגען טייערען תכשיט'ל — אויפ'ן דערמאָנטען שענדליכען פאַקט.

מיר האַלטען אָבער, אַז ס'איז זיך גאָרנישט צו וואונדערן. פאַרקעהרט, טאָמער וואָלט דער דאָזיגער תכשיט נישט געפיהרט אַזאַ העצע געגען יודען, וואָלט נישט געווען נאָרמאַל. מאַקע דערפאַר, ווייל יודען קויפען ביים פאַטער פיש, איז ער פּעראינטערעסירט אַז מען זאָל ביי יודען נישט קויפען און ממילא וועט זיין פאַטער'ס פיש-געשעפט גוט פּראָספּערירען.

ער טהוט עס נישט דערפאַר, ווייל ער איז ח"ו אנ'אַנטיסעמיט, זאָל גאָט אָבהיטען, ער היט נאָר זיין פאַטער'ס געשעפטען...

ארץ-ישראל האָט פערגעסען אין אונז.

אַז מיר פערגעסען נישט אין ארץ-ישראל — איז א פאַקט. אָט גיבען מיר כסדר פאַר'ן קרן קימת, קרן היסוד און אַנדערע קרנות. דאַן איז דאָך אונזער גאַנץ שטרעבען צו קומען גאָך ארץ-ישראל.

דערפאַר אָבער האָט דאָס מאָל ארץ-ישראל פערגעסען אין אונז, דהיינו: זי האָט פערגעסען אונז צו שיקען חרוסת אויף פסח.

חרוסת האָבען מיר אפילו געהאַט, אָבער פון אייגענער פאַבריקאַציע. ארץ-ישראל האָט אונז דאָס דאָזיגע מין היי-יאָהר נישט צוגעשיקט. זיי איז דאָרט וואַהרשיינליך צו-גוט און אין אַזאַ פאַל פערגעסט מען שוין אין דער אָרימער משפחה...

הירצקע וואַסער-טרעגער'ס קאָנקורענטען...

אין די יום-טוב-טעג איז א יודענע אין די מיטעל-יאָהרען אַרומגעגאַנגען איבער די הויפען און געשריגען הויך אויפ'ן קול: יודען, בני רחמנים, האָט רחמנות אויף מיינע אָרימע יתומים און ברענגט אַראָב, אָבער נישט בלויז מצות נאָר אויך אַביסעל שמאַלץ, כדי צו שמעלצען די קאַרטאָפליעס; ס'קאָן אויך זיין א שטיקעל פלייש, אייער און אַנדערע גוטע זאַכען.

די לינקע האַנד ביי דער דאָזיגער יודענע איז אויסגעקרימט, אַזוי ווי זי וואָלט געווען פּאַראַליזירט; פונדעסטוועגען, ווען מען ברענגט איהר אַראָב פון די מאכלים טובים, נעמט זי עס אפילו מיט דער „קראַנקער" האַנד, וועלכע ווערט אין דער מינוט צוריק געזונד...

א דאַנק דעם דאָזיגען קונץ-שטיק האָט די יודענע צוזאַמענגענומען גאַנצע טאָרבעס. ס'איז נאָר א פראַגע, צי זי האָט אַזוי פיעל יתומים אָנצוקאָרמען...

יעדענפאַלס איז עס א גוט מיטעל אַרויסצובעקומען ביי די רחמנים בני-רחמנים אַביסעל עסענוואַרג.

ביז-איצט איז הירצקע וואַסער-טרעגער געווען א יחיד מיט זיין ערפינדונג, היינט אָבער האָט ער שוין בעקומען קאָנקורענטען...

פון שוהל-פּראַנט.

ס'וואָלט געווען נישט יושר'דיג, אַז מען זאָל נישט איבערגעבען עטליכע שטריכען וועגען יום-טוב אין דער שטאָדט-שוהל.

קודם-כל מוז מען פעסטשטעלען, אַז דער עולם געהט צום דאַווענען, ווארום סיי אין די אָווענדען, סיי אינדערפריה איז די שוהל פול מיט מתפללים דאַן קאָן איך אייך מעלדען, אַז מיר האָבען שיעור נישט געהאַט א פאַרשטערטען יום-טוב, ווייל אונזער בעליבטער שטאָדט-חזן ר' יוסף באַדאַש איז נישט געזונד און ס'איז געווען א סכנה, אַז ער וועט נישט דאַווענען, נאָר א חזן גיט זיך אנ'עצה און אויך די תפילות האָט ער אָבגעאַרבייט טאַקי מיט די לעצטע כחות, אָבער דאָך זיי גלענצענד אדורכגעמאַכט. אויך דער כאָר איז געווען נישט-קשה. אויב עס איז נאָר געווען א דיסאָנאַנס, איז עס געווען צוליעב דער נישט-געלונגענער „רעדע", וואָס איז געהאַלטען געוואָרען פאַר קריאת-התורה וועגען 800-יעהריגען יובילעאום פון רמב"ם.

דער בעל-קורא האָט בעת דאָס ספר איז שוין געלעגען אויפ'ן שולחן, אָנגעהויבען רעדען וועגען רמב"ם און דאָס אין נישט קיין פּאָפּולערער שפּראַך, אַזוי אַז דער עולם, איבערהויפּט די עזרת-נשים האָט נישט געוואוסט וועגען וואָס אייגענטליך ס'האַנדעלט זיך. דאַן האָט ער געבעטען דעם עולם צו בעטעהרען דאָס אָנדענקען פון רמב"ם מיט אויפשטעהן... נאָר היות ווי אַלע זענען סיי-ווי געשטאַנען, איז נישט געווען ווער עס זאָל אויפשטעהן, ווייטער האָט ער געזאָגט א פּאָליטישע חכמה... א. ד. גל. אָבגעפערטיגט זיך מיט'ן רמב"ם, האָט ער זיך גענומען מאַכען קאָמפּלימענטען די פאַמיליע נ. וועלכע האָט געשענקט א פּרוכת פאַר דער שוהל. אמת, א הערליך פּרוכת, אָבער זאָל מיר מוחל זיין דער רעדנער פאַר דעם נישט אַזוי שטאַרק געלונגענעם „רעפעראַט". און עס וואונדערט זיך נאָר אויף די שוהל גבאים, פאַרוואָס זיי האָבען נישט געוואוסט וועגען דאָזיגען אומגעלומפּערטען אויסטריט פריהער, ווארום ס'קאָן זיך נישט גלויבען, אַז זיי זאָלען דערלויבען אַזעלכעס אין א שטאָדט-שוהל.

אויסער דעם דעפעקט איז אַלעס געווען אין בעסטען אָרדנונג, אין דער שטאָדט-שוהל האָבען די מתפללים זיך געפיהלט יום-טוב'דיג.

איז אַלעם איז שולדיג די קהלה...

מיט דעם אָבלאָזען די יודישע סאָלדאַטען פון 7-טען פּא"ל איז געשעהן א מכשול. אנשטאָט זיי צו בעפרייען ערב פסח, האָט מען זיי ערשט אַרויסגעלאָזט יום טוב אינדערפריה. נו, נו, האָט זיך עפּיס אָבגעטהון. אין ראַבינאַט, ווי אויך צום קהלה פּרעזעס זענען געקומען צו לויפען די עלטערן פון די סאָלדאַטען מיט פּרעטענסיעס, אַז שולדיג אין דעם איז נישט די מיליטערישע אָנפיהרונג, נאָר דווקא... די קהלה.

ווען מען האָט זיי ערקלערט, אַז מצד דעם ראַבינאַט איז אַלעס געטהון געוואָרען, אַז מען זאָל אַלע יודישע סאָלדאַטען אָבלאָזען, א דאַנק וואָס מען האָט אפילו פון לובליניעץ אַהערגעשיקט אויף גאַנץ יום-טוב די יודישע זעלנער פון דאָרטיגען פּולק, און אַז אויך די אָנפיהרונג פון 7-טען פּ. אַ. ל. האָט צוגעזאָגט צו בעפרייען די יודישע זעלנער ערב פסח, האָבען די יודישע מאַמעס דאָס אַלעס נישט געוואָלט פאַרשטעהן — זיי האָבען געהאַלטען אין איין טענה'ן, אַז שולדיג דערין איז נאָר די קהלה...

עס איז שוין אַזאַ אָנגענומענער כלל ביי יודען, אַז אפילו ווען עס איז שולדיג דער נישט-יוד איז אַמבעסטען צו וואַרפען די שולד אויף דער קהלה...

לויתן

די דייטשע וויסענשאפט אין דינסט פון נאצי=רעזשים.

די דייטשע וויסענשאפטליכע אויסגאבען האבען ביז נישט לאנג געהאט א בעשטימטע רעפוטאציע. אין די וויסענשאפטליכע קרייזען האט מען זיך מיט זיי ערנסט גערעכענט מחמת דער מעטאדישקייט פון דער בעארבייטונג און אביעקטיווקייט פון די טעקסטען. מען האט געגלויבט אין דער אונפארטייאישקייט און פונקטליכקייט פון די ידיעות, וואס ענטהאלטען די דייטשע פובליקאציעס. צווישען דער ארבייטענדער אינטעליגענץ האבען בעזונדערס אויסגענומען די דייטשע לעקסיקאגראפישע אויסגאבען. כמעט אלע עפענטליכע און פריוואטע ביבליאטעקען זענען קודם כל געווען פערזעהן מיט דייטשע בענדער.

איצטער, נאכדעם ווי עס האט אנגעהויבען הערשען דער נאצי־רעזשים, האט זיך די לאגע גרינדליך געענדערט. דער פאליטישער איבערברוך האט אויך גורם געווען אן איבערברוך אין דער מענטאליטעט פון פערשידענע וויסענשאפטס־לייט. מען האט מיט א גרינגהארץ זיך אבגעזאגט פון דעם ביזאיצטיגען וויסענשאפטליכען אביעקטיוויזם, בעמיהענדיג זיך כסדר צוצופאסען צו די דעמאגאגישע היטלעריסטישע לאזונגען. אין טעמפעל פון וויסענשאפט האט זיך אריינגעריסען דער גרילץ פון דעם אויפגעהעצטען גאסען־המון. די „איידעלע" וויסענשאפטס־לייט האבען תיכף ומיד זיך געשטעלט אין דינסט פון די היטלעריסטישע מאכטהאבער.

אזא צושטאנד איז דורכאויס שעדליך. אויף וויפיעל די בעציהונג צו א פובליציסטיש ארטיקעל געדרוקט אין דער פרעסע, איז א פאראויס בעשטימטע, ד. ה. דער לייענער בעציהט זיך צו איהם מיט אומצוטרוי, ווייל ער גיט זיך אב א חשבון פון איהר פארטייאישקייט, אויף אזוי פיעל איז די בעציהונג צו א לעקסיקאן און ענציקלאפעדיע, וועלכע זענען לכתחילה בעשטימט אביעקטיוו צו אינפארמירען דעם כלל לייענער א גאנץ אנדערע, מען גלויבט דאך אין דער אומפארטייאישקייט פון טעקסט. ס'איז דעריבער שטארק בעדויערענסווערט, וואס די היינטיגע דייטשע לעקסיקאגראפישע אויסגאבען זענען פול מיט פאליטישער טענדענציעזקייט.

די גאנצע פרעסע האט זיך בשעתה פונאנדערגעשריבען וועגען קנאורס ווערטערבוך, וועלכע ווימעלט ממש מיט טענדענציעזע צוגאבען.

לשם אילוסטראציע איז כדאי צו ציטירען א טייל אבזאצען פון „בראקהאוזען'ס קאנווערסאציאנס־לעקסיקאן", וועלכע שלאגען מיט געשמאקלאזען אנטיסעמיטיזם. אין 15־טען באנד אונטער דער דעפיניציע „ראסענפאטאלאגיע" (ז' 389) לייענט זיך:

„...די סיסטעמאטישע אונטערזוכונג פון די ראסענמעסיגע אונטערשידען פון פאטאלאגישע דערשיינונגען ביים מענשען... (אזוי זענען למשל איינגע פארמען פון דער צוקער־קראנקהייט, אדער אמאוראטישער, ד. ה. מיט בלונדהייט פערבונדענע אידיאטיע ביי יודען מעהר פערשפרייט איידער ביי אנדערע פעלקער)".

אויף דער ז' 388 אונטער דער דעפיניציע „ראסענטעאריען" ווערט געזאגט:

„שוין ד'איזראעלי (!) זעהט אין דער ראסענפראגע דעם שליסעל צו דער וועלט־געשיכטע"... אויך טשעמבערליין שרייבט א געשיכטס־פילאזאפיע געבויט אויף דער ראסענטעאריע; ער האלט די אינדאגערמאנער פאר די קולטורשעפער אקעגענאיבער די סעמיטען, מאנגאלען א. ד. גל. ... האנס פ. ק. גיגטער פערמעסט זיך צו בעשרייבען נישט נאר די קערפערליכע נאר אויך די גייסטיגע אייגענשאפטען פון די אייראפעאישע הויפט־ראסען. ער האלט די נארדישע ראסע פאר דעם קולטורשאפענדען עלעמענט. דער פונאנדערבלי פון דער אינדישער און גריכיש־רוימישער קולטור, ווי אויך פון די שאפונגען פון די רוימישע פעלקער אין מיטעלאלטער און נייצייט האט מען צו פערדאנקען דעם נארדישען בלוט. נאך דער ענטנארדונג הויבט זיך אן די ירידה פון דער קולטור".

וועגען בולטער פאליטישער טענדענציעזקייט זאגט עדות דער אבזאץ א. נ. „רייכסטאגסגעביידע" (ז' 545):

„די געביידע פון דייטשען רייכסטאג אין בערלין איז געבויט דורך פ. וואלאס אין די יאהרען 1884—94. דער מיטעל־בנין איז דעם 27־טען פעברואר 1933 י. פערניכטעט געווארען דורך א קאמוניסטישער אונטערציגדונג" (!)

„דער גרויסער בראקהאוז, האנדבוך פון וויסען אין 20 בענדער (15־טע אויפלאגע) איז אנהויבענדיג פון 12־טען ביז דעם 20־טען באנד, בעארבייט געווארען שוין בעת'ן היטלעריסטישען רעזשים.

דאס קאפיטעל וועגען טשעכאסלאוואקיי איז אויפגעשריבען דורכאויס טענדענציעז.

די געבראכטע אויסצוגען בעווייזען בולט, אז עס האט זיך איינגעבראכען דער וויסענשאפטליכער ניווא, וואס איז ביז אהער געווען די הויפט־מעלה פון די דייטשע לעקסיקאגראפישע אויסגאבען.

זמן תפלה אין דער נייער סינאגאגע אין די לעצטע טעג פסח.

שביעי של פסח מעריב 7.15, שחרית 9.00, מוסף 10.40.

אחרון של פסח מעריב 7.20, שחרית 9.00, מזכיר און פרעדיגט 10.30.

דיעטע און קראנקהייטען פון שטאף=ווערסעל

ספעציעל וויכטיג פאר רעוומאטיקער און ארטרעטיקער.

ביי רעוומאטיזם, ארטרעטיזם און פאדאגרע איז אונגעהויער וויכטיג דאס אבהיטען א געהעריגע דיעטע און א היגענישען לעבענס־ארט. דער לאזונג פון די דאזיגע ליידענדע דארף זיין: „אויסמיידען צופיעל זאלץ און פליישמאכלים". ס'איז אלעמען בעוואוסט, אז א שלעכטער אויסוואהל פון מאכלים און א נישט־געהעריגער לעבענס סיסטעם פערערגערען דעם געזונדהייטס־מצב פון די ליידענדע, מיטווירקענדיג צום ענטוויקלען זיך פון דער קראנקהייט, צום בעקעמפען די קראנקהייט איז אבער נישט גענוג בלויז אבצוהיטען אפילו א זעהר שטרענגען דיעטע, מען מוז זיך בענוצען מיט הייל־מיטלען. טאבלעטען „טאגאל" ווערען אנגעווענדעט ביי רעוומאטיזם, ארטרעטיזם און פאדאגרע. זיי מאכען מילדער די שמערצען און פערלייכטערן די יסורים. טאגאל דארף מען אנווענדען 2 טאבלעטקעס 3 מאל טעגליך. אויך אין פאל פון גריפע, פערקיהלונג, נערוועאישע ליידען און קאפ שמערצען בענוצט מען טאגאל־טאבלעטען.

דער נייער פילם־רעפערטואר פון דייטשער פראדוקציע.

אין דער פוילישער פרעסע האט זיך בעוויזען א נאטיץ, אז די ווארשאווער קינאמאטאגראפישע אקציען־געזעלשאפט לאזט אין נאהנטסטען סעזאן ארויס אויף דעם מארק פאלגענדע פילמען, וואס זענען פראדוצירט אין דייטשלאנד:

„Księżniczka Czardasza" מיט מארטע עגגערהט. „Walzerkreig" מיט רענאטא מיללער און ווילי פריטש. „Gold" מיט האנס אלבערס און בריגידא העלם. „Flüchtlinge" מיט האנס אלבערס און קעטע נאגי. „Tajemnica Rodu Woroncewów" מיט בריגידא העלם. „Turandot" מיט קעטע נאגי און ווילי פריטש. „Posłannictwo Joanny D'Arc" מיט א. סאללאקער. „Amphitryon" (Zaloty Zeusa") מיט ווילי פריטש און אדעלא סאנדראצק. „Baron Cygański" (Straussa) מיט אדאלף וואהלברוק. „Mach mich glücklich" מיט עלסא עלסטער און ה. פאולסען. „Kocham wszystkie kobiety" מיט יאן קעפורא און אינגע ליסט.

ענדליך דער ערשטער פילם פון ליליאנא הארווי פראדוצירט נאך איהר צוריקקומען נאך אייראפע.

מען מאכט אויפמערקזאם, אז די דערמאנטע קינאמאטאגראפישע געזעלשאפט איז א עקספאזיטור פון בערלינער פילם קאנצערן „אופא", וואס אונטערליגט דעם אנטי־היטלער־באיקאט.

די יעצטיגע לאגע פון יודען אין דייטשלאנד צווינגט צו פערשארפען די באיקאט־אקציע אויף אלע פראנטען. מען ווארענט דעריבער די יודישע געזעלשאפט באין אופן נישט צו בעזוכען די קינאס, וואס וועלען דעמאנסטרירען די אויבען־אויסגערעכענטע פילמען. עס ווערט אפעלירט צו די פילם־ביוראס, ווי אויך קינא־אייגענטימער, אז זיי זאלען דורכאויס אויסמיידען די פילמען, וואס שטאמען פון דייטשלאנד.

דאס שטאדטישע שפיטאל וועט פייערן דעם 100־יעהריגען יובילעאום.

דעם 2 טשערוויעץ ד. י. ווערט 100 יאהר זינט ס'איז געלעגט געווארען דער גרונדשטיין פון שטאדטישען שפיטאל אין דער צווייטער אלעע. לכבוד דעם 100־יעהריגען יובילעאום פון שפיטאל וועט די שטאדט פערוואלטונג איינארדנען אנ'ענטשפרעכענדע פייערונג.

„תומכי עניים" אין די יום־טוב־טעג.

אויף די ערשטע טעג יום־טוב האט די פערוואלטונג פון „תומכי עניים" צוטיילט צווישען 350 פאמיליעס פערשידענע פראדוקטען. יעדעס פעקיל איז בעשטאנען ביז 2 און האלב קילא מצות, א האלבע קערץ קארטאפעל און א פעקיל פוטער.

אויף די אנדערע טעג יום־טוב וועט די פערטיילונג פארקומען מיטוואך, שביעי של פסח, און עס וועלען גע־טיילט ווערען מצות מים אייער.

ווי עס איז פונ'ם דערמאנטען צו זעהען, ווענדעט די פערוואלטונג אן אלע מעגליכקייטען ווי אממייסטען צו לינדערן די נויט פון דער ארימער יודישער בעפעלקערונג. עס איז דעריבער דערן חוב פון דער יודישער געזעלשאפט איהר דערין בייהילפיג צו זיין און ווי געהעריג אונטערשטיצען, ווייל די געז. „תומכו עניים" צוטיילט, ווי בעוואוסט, חוץ יום־טוב, אויך יעדען שבת איבער 500 קילא געבעקס.

יום־טוב אין די שוהלען.

די שטאדט־שוהל ווי אויך די נייע סינאגאגע זענען געווען איבערפולט פון מתפללים.

אין דער שטאדט־שוהל האט געדאווענט ה' י. באדאש, וועלכער איז געווען נישט געזונד, אבער פארט אדורכגעפיהרט די תפילות. עס האט אויך געזינגען דער כאר אונטער דער לייטונג פון דיריגענט י. ראטענבערג. חוץ די אלטע קאמפאזיציעס האבען זיי נאך אויסגעפיהרט 2 נייע: „מפני חטאינו" און „אב־הרחמים". בכלל האט דער כאר דעם היינטיגען יום־טוב אביסעל שוואך געזונגען און ס'וואלט געווען א יושר די צווייטע טעג עס אביסעל אויסצובעסערען.

אין דער נייער סינאגאגע האט אלע דריי טעג געדאווענט דער אויבערקאנטאר ה' פישעל, וועלכער איז געווען ביי דער פולער שטימע און האט געזונגען קרעפטיג. איבערהויפט האט ער זיך אויסגעצייכענט ביים הלל און ביים טל־בענשען. בכלל האט ה' פישעל זיך כשר פערדינט די שבח'ס, וועלכע ער האט בעקומען פון דער גרויסער צאהל מתפללים, וואס האבען אנגעפולט די שוהל.

ווילנער ברעקלעך.

עונג יום טוב.

נאך דעם עריב־יום טוב'דיגען מעמד און הארמידער אין דער שטוב און נאך דעם קאפ־ברעכעניש, קלאפאטען און זארגען פון וואנען צו נעמען אויף די אלע גרויסע אויסגאבען — איז דער יום־טוב א ווירקליכער יום טוב, א יום־מנוחה ושלוה, מען פיהלט זיך גאר אנדערש, אנ'אויסגעטוענער פון אלע זארגען און עול־פרנסה, אלעס איז ב"ה צוגעגרייט, מאגערער, צי פעטער, מען דארף נישט קיין געלד אויסצוגעבען, מען עסט פון גרייטען.

דער יוד געהט טאקי מנוחה'דיג אין שוהל אריין, מיט הרחבת־הדעת, ער הערט זיך בנעימות צו די שעהנע נגינים און ווער שמועסט נאך, אז ער בעקומט אנ'עליה, איז מי ישוה לו ומי ידמה לו.

היי=יעהריגע פסח=אקציע.

דער קמחא־קאמיטעט האט מעהרוועניגער בעפרידיגט די גרויסע צאהל מקבלים מיט פסח אונטערשטיצונג.

די צאהל מקבלים האט איבערגעשטיגען די ציפער 300 (אקעגען 282 אין פערג. יאהר).

עס זענען דאך געבליבען עטליכע, פאר וועלכע עס האט שוין נישט געקלעקט און זיי האבען בעקומען צוגעזאגט חול־המועד צו ווערען בעפרידיגט.

און זאל דא לגנאי דערמאנט ווערען, אז צווישען די נותנים פעהלען עטליכע יודען און גראד גאנץ פערמעגליכע, וועלכע האבען פאר זיך אנגעגרייט א גאנץ פעטען פסח און פאר דעם הונגעריגען ארימען ברודער האבען זיי נישט געגעבען אפילו אויף טרוקענע מצה, טראצדעם, וואס דער קמחא־קאמיטעט האט זיי עטליכע מאל געמאהנט.

דער „בית לחם" האט פערטיילט 130 פארציעס צו קילא פלייש.

„צו וואסערע זמארטוויעניע ברויכט מען דאס"?

איך האב א פושיאטשעל, איז ווען ער איז נאך געווען א יונגערמאנטשיק ערשט נאך דער חתונה, אז עס איז געקומען שבת און ווער שמועסט נאך יום־טוב, האט ער מיך קיין מנוחה נישט געלאזט. „צו וואס פאר א זמארטוויעניע ברויכט מען דאס"? — האט ער מיך געפלעגט פרעגען מיט כעס — דאס איז דאך נאר געמאכט געווארען פאר פוילינצער, פאר ליידיגגייערס! פרעה אין מצרים האט דאך רעכט געהאט, זאגענדיג: „אכן נרפים המה" — יודען זענען א פוילע אומה, האבען זיי זיך אויסגעטראכט שבתים און ימים טובים.

ווארט — האב איך איהם געענטפערט — אז דו וועסט עלטער ווערען, וועסטו האבען אנ'אנדערען בעגריף וועגען שבת און יום־טוב.

איך האב דאמאלס דעם פושיאטשעל מיינעם גוט פערשטאנען. א יונגערמאנטשיק, נאך נישט קיין קינדער, גראד איז איהם דאס קרעמעל נישט שלעכט אוועק, ער איז ארומגעגאנגען און געהאלטען אין איין חשבונ'ען: נעכטען האב איך געהאט אזויפיעל, היינט האב איך שוין אזויפיעל, מארגען... איבערמארגען... נאך איבערמארגען... וועל איך האבען כך וכך — און דא קומט אריין אין מיטען א שבת, דא א יום־טוב און שטערט איהם און מאכט איהם קאליע די גאנצע פלענער... נישטקשה, דער ברען וועט אוועק, עס וועלען אונטערקומען קינדער, א קימפעט, א קרענקיל, דער סקארב, גלאט אנ'אומסגעריכטע אויסגאבע, פון דעם חשבון וועט ווערען א חלום, פערקעהרט, דאס אנגעזאמעלטע בערגיל וועט זיך נאך אומשיטען, עס וועלען אויסוואקסען קלאפאטען, צרות און שלעק, ווי א היינטיגען סוחר, נישקשה, דער שבת וועט איהם שוין נישט אזוי זאוואדזיען...

וכך הוה. ווען איך טרעף היינט דעם פושיאטשעל מיינעם, הער איך שוין פון איהם גאר אנדערע דיבורים: א וואוילע, א גרויסארטיגע זאך דער שבת, זאג איך דיר, איך קוק נור ארויס די מינוט, מען זאל צומאכען די געוועלבער, איך פיהל מיך גאר אנ'אנדערער, איך פיהל, אז כ'בעקום אריין א נשמה־יתירה, וואס גיט מיר כוח אויסצוהאלטען די טרדות פון דער וויטערדיגער וואך...

א גרויסארטיגער „רבונו של עולם"

דער „רבונו של עולם" צו דער ערשטער ספירה האט דער חזן אברהם הוט מיט'ן כאר געזינגען וואונדער־שעהן, אזוי אז דער עולם איז געווען ענטציקט.

„או־ווא! א גרויסארטיגער רבונו של עולם", איהר מוזט דאס בעשרייבען אויף די צייטונג" — מאכט צו מיר מיט ענטציקונג איינער פון די מתפללים, אהיימגעהענדיג פון מעריב־דאווענען.

און איך טהו איהם דאס צוליעב און שרייב וועגען דעם „גרויסארטיגען רבונו של עולם"...

מ'מוז זיך צוריק אונטערגארטלען.

אויב עס איז א שטיקעל יום־טוב אדער גלאט א יומא דפגרא, ווי למשל ביי די ערשטע ספירה, איז אין שוהל אזא דריקעניש, אז אויב עמיצער, וואס האט זיך אביסעל פערשפעטיגט, וויל ארויסבעקומען אויף זיין ארט ביי דער מזרח וואנד, מוז ער לאזען אין דער ארבייט א פאר שטארקע עלעבויגענס, אויב נישט וועט ער זיך נישט דערשלאגען צו זיין פלאץ, אזוי איז דער דורכגאנג פערשטעלט, וואס העכער אלס מעהר מענשען, מייסטענס מתפללים פון אנדערע בתי־תפלות, וועלכע זענען געקומען אין שוהל אריין אויס נייגיר.

די דאזיגע וועלען זיך נישט בעטראכטען, דאס מען מוז לאזען א שטיקעל פרייען אדורכגאנג, נאר וועלען שטעהן ווי די מויערן. נישט אומזיסט זאגט מען: „אין סדר בישראל", ביי יודען איז נישטא קיין ארדנונג והראיה, אז טאמער איז שוין איינמאל אין יאהר יא פערהאן א „סדר" ביי יודען, פרעגט מען: מה נשתנה?...

שלום געמאכט.

דער „קרן קימת" האט אין שוהל אויף דער מזרח־וואנד געהאט הענגען 2 פלאקאטען מיט אויפשריפטען: „זייט מנדר פאר'ן קרן קימת"!

האבען אבער רעוויזיאניסטען זייער אייגענעם פאנד אונטער'ן נאמען „קרן תל־חי" און וועלענדיג זיך אריינרייסען אין דער פאזיציע אריין האבען זיי זייערס א פלאקאט אויפגעהאנגען פון איין זייט אויף דער מזרח־וואנד.

אפילו די אלגעמיינע ציוניסטען, וועלכע לעבען מיט אלע בשלום, האבען זיי געבעטען זיי זאלען דאס נישט טהון און נישט מסיג גבול זיין, ווייל ווער עס וועט וועלען, וועט אזוי אויך מנדר זיין פאר'ן קרן תל־חי און זאל עס נישט ארויפרופען קיין געגנערשאפט. עס האט אבער גארנישט גענוצט. „מיר האבען אנ'אינסטרוקציע אין אלע פאזיציעס אריינצודרינגען" — איז געפאלען דאמאלס דער ענטפער און זיי האבען געטהון דאס זייעריגע.

דער סוף איז געווען, אז גע'פועל'ט האבען זיי שוין עפיס און אויב עס הענגט נישט זייערס א פלאקאט אויף דער מזרח וואנד, הענגט ער אבער פוןביידע זייטען צפון און דרום־וואנד. און עס הערשט שלום.

ווי מען זעהט איז חוצפה מהני...

אז מ'שמועסט אנ'אנטשעפעניש.

ר' מענדעלע פון די דאמבראווער מיהלען האט זיך ווידער פערלייגט אויפ'ן יום־טוב'דיגען מעהל, אז ער מוז עס זיין דער דאסטאווטשיק, עס קומט דאך איהם בירושה... בלויז צוליעב זיין גענעראל־סטעסל בארד, און צי מען וויל יא און צי מען וויל נישט, מוז מען נוצען דוקא זיין שווארץ, ווי גריסקע, מעהל, וואס איז געמאהלען אין זיין „בעוואוסטע" דאמבראווער מיהל.

דער קמחא־קאמיטעט האט געזאגט לא, דער מורה הוראה האט געזאגט מען ברויך נישט און ר' מענדעלע האט גשאנט, אז דוקא יא און האט געלאזט אויסמאלען מעהל אין דאמבראווער וויאטראק און עס פערקויפט די בעקערס, פערשטעהט זיך אהן קמחא־אבצאהל. בע'גזלנ'דיג אזוי־ארום די ארימע לייט.

ערשט, ווען ס'איז געווארען א ויצעקו, דער מורה־הוראה האט געמאכט א גערודער, דער רבי־רב האט זיך אויך אריינגעמישט, האט ער געמוזט אבגעבען די רעשט מעהל צו ה' יחיאל מאיר יאקובאוויטש, דעם דינגער פון יום־טוב'דיגען מעהל, אבער פערקויפען און אויסבאקען זיין מעהל האט מען שוין געמוזט, כאטש עס איז געווען שווארץ און פינסטער.

אז מען שמועסט אנ'אנטשעפעניש ל"ע.

פון בע"ם.

מיטוואך שביעי של פסח 4 א זייגער נאכמיטאג קומט-פאר א אסיפה פון בע"ם אין לאקאל פון ברית החיל. עס ווערט אויך פארטגעזעצט די שיחה געפיהרט דורך ע. יאקובאוויטש א.ד.ט. „די יודישע אגענץ און דער יודישער וועלט-קאנגרעס".

שבת, דעם 27-טען ד. ח. 3 א זייגער נאכמיטאג — א אסיפה געווידמעט א רייהע טעכנישע און ארגאניזאציאנעלע פראגען.

„הויז-פרויען אלס ריכטערינס".

פאר אנ'אבזאץ פון סחורה איז רעקלאמע אין די יעצטיגע צייט אונבעדינג נויטיג. עס גיבט אבער נישט קיין שטענדיגע רעגעל ווי אזוי די רעקלאמע אדורכצופיהרען. גרויסע פירמען בענוצען דעריבער צו דעם ציעל ספעציעל געניטע פאכלייט. נאטירליך איז שווער פעסטצושטעלען ווי אזוי אזא רעקלאמע ווירקט אויף די הויז-פרוי. צוליעב דעם האט די פירמע „קאללאנטאי" געשטעלט אין פרעמיען-קאנקורס צווישען אנדערע אויפגאבען אויך 6 פערשידענע אנאנסען אום דעם בעסטען אנאנס אויסצוזוכען. אינטערעסאנט איז געווען אז 65,5 פראצ. פון אלע הויז-פרויען האבען אויסגעקליבען דעם אנאנס נר. 5, וועלכער איז שוין פריהער אנערקענט געווארען דורך פאכלייט פאר דעם ווירקזאמסטען. זעה אויך דעם היינטיגען אנאנס פון דער „קאללאנטאי" פאבריק.

פון תנועת „תורה ועבודה".

שביעי של פסח 3.30 נ"מ קומט פאר א פייערליכע רמב"ם אקאדעמיע אויף וועלכער עס וועט רעפערירען פראפ. יאנאווסקי.

אחרון של פסח 4 נ. מ. קומט פאר א חגיגת-הרגל פאר דער גאנצער ארגאניזאציע פון „תו"ע".

שבת פ' אחרי דעם 27 ד. ח. 4 נ. מ. קומט פאר א עלטערן-פערזאמלונג געווידמעט זעהר וויכטיגע פראגען. גלייכצייטיג מעלדען מיר דאס אין לאקאל פון „צעירי מזרחי" ווערט געדאווענט גאנץ יום-טוב 8 פריה פונקטליך.

היינט דינסטאג וועט יעקב ווייסליץ זיין צוגאסט אין טשענסטאכאוו.

היינט דינסטאג, דעם 23 ד. ח. 8-30 אוועגד וועט אויפטרעטען אין זאל פון פייערלעשער מיט א זעהר אינטערעסאנטען ווארט-קאנצערט דער גרויסער קינסטלער פון דער ווילנער-טרופע און גלענצענדער רעציטאטאר יעקב ווייסליץ. דער פראגראם איז א נייער און וועט ארומנעמען די בעסטע שאפונגען פון: י. ל. פרץ, פראנק, בערגעלזאן, לוצקי, בלאטנער, קולבאך, שולשטיין, איינהארן, מאנגער, אש, טונקעלער, שנאפער א.א.

יעקב ווייסליץ איז זעהר בעקאנט דעם טשענסטאכאווער טעאטער-עולם פון זיינע שטארקע קרעאציעס אין „קדוש השם", „דער טויבער" א. א. וואס האט אויפגעפיהרט די ווילנער-טרופע, גאנץ בעזונדער האט ער זיך שטארק אויסגעצייכענט מיט זיינע לעצטע רעציטאציע-אווענדען ביי אונז אין שטאדט, וועלכע האבען געהאט א קאלאסאלען ערפאלג. דער אויפטריט פון ווייסליץ'ן האט דעריבער ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג און ס'איז מעהר ווי זיכער, אז קיינער וועט נישט אדורכלאזען אזא גינסטיגע געלעגענהייט און קומען בעוואונדערן דעם גרויסען טאלאנט.

כדי צו ערמעגליכען אלע צו בעזוכען דעם אווענד, זענען די בילעטען צו פאפולערע פרייזען, צו בעקומען אין קאסע פון 7 30 א זייגער אן.

פון ארבייטס-פראנט.

דעם 18 טען ד. ח. איז צוליעב חנא אבגעשטעלט געווארען די פאבריק „מעטאלורגיא", וועלכע וועט נישט זיין טעטיג ביז'ן 6 מאי. פון דער אלגעמיינער צאהל 350 ארבייטער וועלען דורך דער צייט ארבייטען נאר 50. פון 6 טען מאי וועלען אלע ארבייטער צוריק צוגענומען ווערען צו דער ארבייט אויף די ביזאיצטיגע בעדינגונגען. קיין רעדוקציע וועט נישט פארקומען.

די ארבייטער אין דער פאפיערניע שטרייקען ווייטער.

אלע פרובען אויסצוגלייכען דעם סכסוך צווישען די ארבייטער אין דער דירעקציע פון דער פאפיערניע האבען דערווייל נישט געגעבען קיין געהעריגען רעזולטאט און דער שטרייק ווערט פארטגעזעצט.

אויף דער לעצטער קאנפערענץ אין ארבייטס-אינספעקטאראט, וואו עס האבען זיך פערזאמעלט די ארבייטער-דעלעגאטען און פארשטעהער פון די ארבייטער-ארגאניזאציעס, האט אינספ. וואשילעווסקי ערקלערט די ארבייטער-פארשטעהער, אז די מאסגעבענדע פאקטארען האבען מסכים געווען, אז דער סכסוך זאל ערלעדיגט ווערען דורך א רעגירונגס-ארביטראזש.

די פאבריקס-דעלעגאטען זענען דאן אוועק צו די שטרייקענדע ארבייטער און געשטעלט צו אבשטימונג דעם פארשלאג פון א רעגירונגס-ארביטראזש. די שטרייקענדע האבען אבער דעם פארשלאג אבגעווארפען. דער שטרייק ווערט אלזא פארטגעזעצט און די ארבייטער פערלאזען נישט די פאבריקס-בנינים.

פאר 80.000 זל. האבען די אנגעשטעלטע פון דער אובעזפיעטשאלניע געצייכענט די אינוועסטיציע-הלוואה.

פערג. וואך איז פארגעקומען א פערזאמלונג פון די אנגעשטעלטע פון דער טשענסטאכאווער „אובעזפיעטשאלניע", אויף וועלכער דער דיר. טאמאשעווסקי האט געהאלטען א רעדע וועגען דער בעדייטונג און נויטווענדיגקייט פון דער אינוועסטיציע-הלוואה פאר דער מלוכה.

אלע בעאמטע, ווי אויך די דאקטוירים, פעלדשערס א.א. האבען בעשלאסען צו צייכנען די הלוואה. פון די געצייכנטע דעקלאראציעס האט זיך שנעל אנגעזאמעלט די סומע פון העכער 80 טויזענד זלאטעס. איבער 80 פראצענט איז דעקלארירט געווארען אין געלד און בלויז נישט קיין גאנצע 20 פראצענט אין אבליגאציעס פון דער נאציאנאלער הלוואה.

צוויי פראצעסען געגען ענדעקעס.

אין דער נאהנטסטער צייט וועלען אין היגען קרייז-געריכט פארקומען צוויי פראצעסען געגען מיטגלידער פון דער ענדעקישער פארטיי.

דער ערשטער פראצעס, וועלכער וועט פארקומען דעם 26 ד. ח., איז א רעזולטאט פון די געשעהענישען ביי דער יאסנא גורא בעת דעם צוזאמענפאהר פון די האלערטשיקעס דעם 30 וורזשעשען פ. י. אויף דער בעשולדיגונגס-באנק וועלען זיך אין דאזיגען פראצעס געפינען די בעקאנטע טשענסטאכאווער ענדעקישע אוואנטוריסטען: עאוזעביוש לייטנער, האנאריוש קאניעווסקי, אדאם געמביטש, פעליקס ראק א.א. צווישען די בעשולדיגטע געפונען זיך נאך: דער קלאבוצקער איינוואוינער שווייצארזשעווסקי, ווי אויך יאן פעליקס און פיאטר פלוטשעננויק פון לאדז. זיי ווערען אלע בעשולדיגט אין בעטייליגען זיך אין א גאסען-צוזאמענשטויס און בעווארפען פאליציי-בעאמטע מיט שטיינער. אין פראצעס וועלען ארויסטרעטען עטליכע צעהנדליגע עדות מצד דער בעשולדיגונג און פון דער פערטיידיגונג.

דער צווייטער פראצעס, וואס וועט פארקומען דעם 2 מאי, וועט בעהאנדלען די טרויעריגע אנטי-יודישע געשעהענישען אין קלאבוצק דעם 2-טען מערץ פ. י.

אויף דער בעשולדיגונגס באנק וועלען זיך געפונען 9 מיטגלידער פון דער ענדעקישער פארטיי, וועלכע ווערען בעשולדיגט, אז זיי האבען שווער פערוואונדעט די קלאבוצקער יודען: אהרן שמולעוויטש און אהרן צוקערמאן און לייכטער פערוואונדעט 3 יודען: יחזקאל ראזען, וואלף קורלאנד און שלמה בירנבוים.

א געוויסער וולאדיסלאוו מאיער ווערט אויך בעשולדיגט, אז ער האט איינגעארדענט און אנגעפיהרט מיט א פערזאמלונג, אויף וועלכער מ'האט אגיטירט אנצופאלען אויף קלאבוצקער יודען.

65,5 פראצ. פון אלע שטימען

האט בעקומען די 3 טע פראגע פון „קאללאנטאי'ס-פרעמיען-קאנקורס" „וועלכער אנאנס געפעלט אייך אמבעסטען" פון די 6 פערשידענע אנאנסען וואס עס איז געוועזען אויסצוזוועהלען. האבען די גרעסטע טייל הויז-פרויען געוועהלט דעם אנאנס „צו אלע צוועקען", וועלכען זיי שעצען פאר אלעם די „קאללאנטאי-זייף מיט דעם וואשברעט", ווייל מען קען זי בענוצען צו גראבע און צו דעליקאטע וועש, אויך צום געזיכט און הענד, אין קוך און אין הויז, בעזיצט א גרויסען שוים קראפט, ענטהאלט גליצערין און האט אנ'אנגענעהמען געשמאק. אויסער דעם האט זי אנדערע מעלות וואס טרעפט זעלטען ביי אנדערע זייפען. צוליעב דעם האבען די הויז-פרויען אויסגעוועהלט דעם איבענדערמאנטען אנאנס און בענוצען שטענדיג די בעוואוסטע גוטע וואש-זייף „קאללאנטאי מיט דעם וואשברעט".



65,5% wszystkich głosów

Do wszystkiego bez wyjatku, czy to do prania materjałów jedwabnych, wełnianych lub bawełnianych, białych lub kolorowych, albo do mycia podłogi, mebli, sprzętów, szkła i t. d., czy też do kąpieli lub pielęgnowania ciała — zawsze jest i pozostanie nieszkodliwym, najlepszym i niedrogim środkiem do prania znane z swej dobroci mydło „Kollontay z pralką". Do używania mydła „Kollontay z pralką" nie potrzeba żadnych wskazówek, bo jest ono bezpieczne w każdem użyciu. Szczególnie silna, aromatyczna i zawierająca glicerynę piana mydła „Kollontay z pralką", usuwa z zadziwiającą szybkością wszelki brud, a przedewszystkiem wpływa dodatnio na skórę.

mydło z pralką Kollontay jest lepsze...... 5

Prosimy pamiętać: Mydło Kołłontay z pralką jest tańsze, ponieważ jest lepsze.

ראטעוועט דאס געזונט!

א קראנקער מאגען איז אפט די סיבה פון פערשידענע קראנקהייטען

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera

זענען א גוט מיטעל צום רעגולירען דעם מאגען. זיי בעזייטיגען אבסטרוקציעס און זענען א מילד נאטירליך אבפיהר-מיטעל. בעזייטיגען די פוילונגס - סובסטאנצען. וועלכע פערגיפטען דעם ארגאניזם.

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera

ווערען געברויכט ביי קראנקהייטען פון דער לעבער, נירען, גאלשטיינער און מערידען, ווערען גערן גענומען דורך די קראנקע.

ZADOWOLENIE PAŃ
to piękna i czysta cera
a crème i mydło „LACTOLIN"
usuwa piegi i plamy.
— Żądać wszędzie. —

2 פאפולערע פארשטעלונגען אין קאמעראל-טעאטער.

צוליב'ן אומגליק, וואס האט געטראפען מיט דער ארטיסטין גאלאווא, זענען די פארשטעלונגען איבערגעריקט געווארען.

די ערשטע פארשטעלונג: „דער בלומען-וועג", סאוויעטישע קאמעדיע פון קאטאיעוו קומט-פאר מיטוואך, דעם 24 אפריל (דעם 1-טען טאג יום-טוב) פונקטליך 4 א זייגער נאכמ. די געקויפטע בילעטען זענען גילטיג.

די צווייטע פארשטעלונג: „אין דער צוקערניע", קאמעדיע פון פ. מאלנארא קומט-פאר שבת, דעם 27 אפריל פונקט. 4 נאכמיטאג.

די קליינע צאהל איבערגעבליבענע בילעטען צו בעקומען יעדען טאג אין דער געז. „קולטור-ליגע" (אלעע 12) יעדען טאג פון 11 ביז 1 פארמיטאג און פון 4 ביז 8 א זייגער נאכמ.

פארבעריי און כעמישע וועשעריי „BENETA"
ב. יאסעלעוויטשא 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)

אונטער דער לייטונג פון אנ'אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין ווארשא מיט לאנגיעהריגער פראקטיק

ספעציאליטעט:
1) פארבען לויט מוסטערן,
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט),
3) כעמיש רייניגען און פאסאנירען קאפעלושען,
4) וואשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאפטען שפיגעל גלאנץ.

די פרייזען בעדייטענד ערנידריגט.

KINO „EDEN".

נאר ביז מיטוואך דעם 24 ד. ח.
דער אויסגעצייכענטער אקטיאר און מיטרייסענדער זינגער
Jose Mojica
אין דער נייעסטער קרעאציע
KUSZENIE SZATANA
און הומארעסקע אין קאלירען
Hotel dla nowożeńców

Kino „LUNA"

פרעכטיגער פוילישער פילם
ABC MIŁOŚCI
אין די הויפט-ראלען:
אדאלף דימשא, מאריא באגדא, קרוקאווסקי א. א.

„ATLANTIC"

.14 אגראדאווע

גרויסער יום-טוב-פראגראם!
PROKURATOR Alicja Horn
מיט יאדוויגא סמאסארסקא
און די קאמעדיע
Cudowna rakieta
מיט בוסטער קייטאן.
ווי אויך מינ. אידענ'ס בעזוך אין פוילען.

צאהן-ארצט
A. BOMS, Wieluń, Śląska 4
זוכט אנ'אסיסטענט און א טעכניקער.

מיט געהעריגע רעפערענצען זיך ווענדען אויפ'ן אויבענדערמאנטען אדרעס. בעמערקונג: עס קען אויך זיין א פליט פון דייטשלאנד מיט געהעריגע קוואליפיקאציעס.

אכטונג ווילון און אומגעגענד!

דאס ניי - געעפענטע געשעפט פון
IZRAEL TUCH, Wieluń, Kaliska 8
בעזיצט א גרויסען אויסוואהל פון ראווערען און זעמטליכע ראווערען-טיילען

עס ווערען אויך אנגענומען צו רעפארירען: ניי-מאשינען, ראווערען פרימוס-מאשינען, מאטאציקלען א. ד. גל. צו ביליגע פרייזען.

קומט און איבערצייגט אייך.

8-ונג ווילון, טשענסטאכאוו און אומגעגענד!

Mam zaszczyt zawiadomić Sz. Publiczność, że z dn. 14 bm. uruchomiłem bezpośrednią komunikację

z Kalisza do Częstochowy.

Odjazd	z Kalisza		13.20
„	z Ostrowa		14 20
„	z Ostrzeszowa		15.30
„	z Kępna		16.15
„	z Wieruszowa	6.—	17.—
„	z Wielunia	8.—	18.15
„	z Rudnik	8.35	18.40
„	z Krzepic	9.10	19.25
„	z Kłobucka	9 45	20.—
przyjazd do Częstochowy		10.20	20.30
Odjazd	z Częstochowy	5.30	16 30
„	z Kłobucka	6.10	17 10
„	z Krzepic	6 45	17.50
„	z Rudnik	7.10	18.20
„	z Wielunia	8.—	19.05
„	z Wieruszowa	9 10	20.30
„	z Kępna	10.—	(do Bolesławca)
„	z Ostrzeszowa		10.40
przyjazd do Kalisza			12.15
Odjazd z Częstochowy do Bolesławca			16.30
„	z Bolesławca do Częstochowy		
	z Kalisza		5 30

Z poważaniem Marjan JANCZEWSKI, Kalisz
Kościuszki 19. Tel.: 462, 219, 62.
Koncès. Przedsięb. Kom. Aut. „MEWA".

Najstarsza w Częstochowie
FARBIARNIA i Chemiczna Pralnia
A. HEININGER

poleca się na sezon wiosenny, jak zwykle, pierwszorzędnem wykonaniem, oraz konkurencyjnemi cenami.

Sklep: ul. P. Marji 32.
Fabryka: Zaciszańska 8
Telefon 13-60.

מ. ש. הירשס שולע

ווארשאווער 8 ביים נייעם מארק

[illegible] למודי קודש [illegible] דקדוק [illegible] קריאה [illegible]

Szczepienie ospy ochronnej
świeżą krowianką
STARSZY FELCZER
ST. MITTLER
Częstochowa, Piłsudskiego 7
I-e piętro, tel. 18-04.

Szkoła tańców
baletm. K. KOSTECKIEGO,
w lokalu własnym **Waszyngtona 6.**
Przyjmuje zapisy na kursy, lekcje pojedyńcze codziennie od 10 rano do 10 w.
דאנערשטאג, ד. 25 אפריל יום-טוב-לעקציע פאר יודישע געזעלשאפט אנהויב 8 אוונד.
שבת, ד. 27 אפריל פראקטישע לעקציע 8 אוונד. לעצטע מוזיק-שלאגערס. צוגענגליכער אפצאל.

FARBIARNIA, PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.

מיר נעמען אן צו וואשען קראגענס מיט לאנג-דויערענדע שפיגעל-גלאנץ, אויך נעמען מיר אן כעמיש צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג.

ספעציאליטעט: 1) פארבען לעדערנע קורטקעס!
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען).
אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן ארט